Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 295 | Łódź Poniedziałek, 21 grudnia 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י"א טבת תרצ"ב | № 295

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

אנ'ערד-ציטערניש אין קאטאוויץ

קאטאוויץ, 20 (טעלעפאניש) היינט נאכמיטאג האט מען געשפירט אנ'ערד-ציטערניש ארום קאטאוויץ

קיין שאדענס איז נישטא.

די ערד-ציטערניש האט געדויערט 4 סעקונדען.

צוזאמענפאהר פון „יעאס" אין ווארשא

ווארשא, 20 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז אין ווארשא פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון „יעאס", צו וועלכען עס זענען געקומען 80 דעלעגאטען.

משה שאליט האט געעפענט דעם צוזאמענפאהר.

אין פרעזידיום איז צ. א. אריין ד"ר אריה טארטאקאווער פון לאדז.

רעפעראטען האבען געהאלטען דיר. גרינפעלד און אלטער.

א וויכטיגער פאליטישער ארעסט אין אינדיען

קאלקוטא, 20 (פאט) דא איז ארעסטירט געווארען דער זוהן פון פאנדיט-נאלאוויוא, א דעלעגאט אויף דער קאנפערענץ ביי דעם „קיילעכדיגען טיש".

דייטשע דעלעגאטען צו דער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ

גען. פאן בלאמבערג — רייכסקאנצלער ברינינג — רייכסווער-מיניסטער גרענער

צוזאמענשטויס מיט קאמוניסטען אין בערלין

ארבייטסלאזע האבען פאגראמירט א שפייז-געוועלב

בערלין, 20 (פאט) בעת אנ'ערב-יום-טוב אויספערקויף האבען די קאמוניסטען איינגעארדענט א דעמאנסטראציע אויף איינעם פון די בערלינער פלעצער.

עס האט אינטערוועניערט פאליציי, געבענדיג דערביי עטליכע רעוואלווער-שאסען, און ארעסטירענדיג א רייה פערזאנען.

חוץ מזה האט א גרופע ארבייטסלאזע פאגראמירט אויף עטליכע הונדערט מארק א שפייז-געוועלב

די אנפאלער זענען ענטלאפען, באך איידער פאליציי איז אנגעקומען.

ענטשולדיגונג.

איך ענטשולדיג זיך פאר'ן גאנצען מאגאזין-פאך מארינאריקעס און פא-לעך, ווי אויך פאר דעם לאדזער מאגאזין-שניידער-מייסטער - פעראיין, פילסודסקיעגא 12 פאר מיין נישט טאקטיש האנדלען, ד. ה. פאר ארבייטען אין שטרייק, וועלכעס דאס געשעפט ביי ח' וואלמאן איז אפגעשטעלט, איך ערקלער, אז מעהר וועל איך דאס נישט טון. אלס חרטה ענטשולדיג איך זיך און דאס געלד פאר די שטרייק ארבייט שענקע איך פאר'ן פעראיין.

שמשון פריילינד, פולנאצנא 7

א געהיימע בעראטונג אין מינסק

וועגען שאפען א געמיינזאמען קאמוניסטיש-סאציאליסטישען פראנט מיט די לינקע פ. פ. ס.

מאסקווע, 20 (פר.)) דעם 15. און 16. ד. ח. איז אין מינסק פארגעקומען א געהיימע בעראטונג צווישען פארשטעהער פון דער פוילישער קאמוניסטישער פארטיי און דעם אויספיהרונגס-קאמיטעט פון דער מערב-ווייסרוסישער קאמוניסטישער פארטיי.

קיין מינסק זענען געקומען 70 דעלעגאטען פון ווארשא, לאדז, קראקע, אויבער-שלעזיען און ווילנער קאנט.

די דאזיגע דעלעגאטען האבען אפגעהאלטען לענגערע קאנפערענצען מיט די דעלעגאטען פון צערקא, ווי אויך מיט ראק-מיכאלאווסקין און מיאילאן, די געוו. דעפוטאטען פון דער „הראמאדע".

אויף דער קאנפערענץ איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע פון שאפען א געמיינזאמען קאמוניסטיש-סאציאליסטישען פראנט דורכ'ן אריינציהען אין דער אקציע דעם ראדיקאלען פליגעל פון די סאציאליסטען, וועלכע האבען אין פוילען אנגעהויבען צו פערלירען זייערע השפעות.

די לינקע פ.פ.ס. לעבט איבער אין פוילען א שווערען קריזיס, און דעריבער וואלט זי בעדארפט בעצייטענס אריבערגעצויגען ווערען אויף דער קאמוניסטישער זייט.

אויף דערזעלבער קאנפערענץ זענען אויך בעהאנדעלט געווארען א רייה פראגען, וואס זענען פערבונדען מיט דער קאמוניסטישער אקציע אין פוילען.

נאך א דריי-טאגיגער אנוועזענהייט אין מינסק, זענען די פוילישע דעלעגאטען אפגעפאהרען קיין מאסקווע, וואו עס דארפען פארקומען בעראטונגען מיט פארשטעהער פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין דייטשלאנד, לעטלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, רומעניען און אונגארן.

מאשיי-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און כוכארעם לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע נעבעכסיין פון אונזער איבעראל-בעוואוסטער צוקערניע

ב. ווייגבערג

38 פיעטריקאווער 38

:-: טעל. 143-82 :-:

בעמ.: די פרייזען זענען בעדייטענד רעדוצירט.

צו דער יודישער קהלה אין לאדז!

איבער 100 פאמיליעס ערנעהרען זיך שוין פון לאנגע יאהרען פון גאסען-האנדעל, פון פערקויפען אויבס ביי סטראגאנען.

צוליב דעם שרעקליכען קריזיס, פערדינען מיר קוים אויף א שטיקעל טרוקען ברויט און גאנץ אפט דאס אויך נישט. יעצט אבער דראהט אונז צו פערלירען די פרנסה. די פאליציי און די שטייער-אמטען ערלויבען נישט צו האנדלען אהן פאטענטען. אזוי ווי מיר האבען נישט די מעגליכקייטען אויסצוקויפען אזעלכע, ווייל אונזער גאנצע קראם בעטרעפט פון 10–15 זל., ווענדען מיר זיך צו אייך מיט א בקשה בעשטימען פאר יעדען פון אונז א סומע, וועלכע זאל לאנגען אויף א פאטענט.

פאר דער פערוואלטונג פון די לאדזער יוד. גאסען-הענדלער

פסח קראסאווסקי, מלך גרונדמאן.

7667

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז!

נאך פיל מיה איז דעם ועד הרבנים און ועד הכשרות ביי דער יודישער קהלה געלונגען ב"ה צוריקצושטעלען די ארדנונג און די השגחה איבער די עניני כשרות פון באלאטער שעכט-הויז.

מיר זענען דעריבער מודיע, אז

מען קען שוין ווייטער נוצען פלייש פון דעם דאזיגען שעכט-הויז בלי שום חשש ופקפוק.

די יודישע בעפעלקערונג מוז אבער שטרענג אכטונג געבען אויפ'ן איסור פון בשר חוץ, וואס איז חל אויך אויפ'ן פלייש פון כאינער שחיטה.

אפילו די כלים, וואס ווערען בענוצט צו בשר-חוץ, ד. ה. סיי פון כאינע, סיי פון אנדערע ערטער, פערלאנגען אונבעדינגט הכשר.

מיר ווארענען נאכאמאל די יודישע בעפעלקערונג און די קצבים

נישט צו נוצען קיין שום אנדער פלייש, נאר פון די לאדזער שעכט-הייזער

ולהשומע ינעם ותבוא עליו ברכת טוב.

ועד הרבנים ביי דער יודישער קהלה אין לאדז:

ישראל פרידעל	צבי פישהאף
לייבוש ראזענבערג	שלמה יאקובאוויטש
מרדכי ניסן מרזל	אהרן בארנשטיין
משה מנחם סעגאל	הערציל הארצשטארק
משה דוד דאמב	משה ווייס
יוסף פיינער	שמואל קנאפף
לייבוש ווייכסעלפיש	אברהם מרדכי סילמאן
אלי' פליישהאקער	זעליג ראזענשטיין.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז פון 15-טען דעצעמבער ד. י. האב איך ערעפענט אנ'ערשטקלאסיגען און עלעגאנטען

הערען- און דאמען-

פריזיר-סאלאן

אויף

זשעראמסקיעגא 28

וואס ווערט אנגעפיהרט פון ערשטקלאסיגע פאכמענער. עמפעהלע זיך דער געעהרטער קונדשאפט, פערבלייב איך מיט אכטונג א. ארנשטיין.

בעמ.: צוליב'ן קריזיס צוגענגליכע פרייזען. אויסגעצייכענטער מאניקיר.

דער זונטאג-טאג פון „בריסקער" פראצעס

די רעדעס פון די אדוואקאטען האניגוויל און נאגורסקי

װאַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָררעספאָנדענט). דער ערשטער האָט נעכטען גערעדט דער אַדוו. האָניגוויל, דער פערטיידיגער פון דעפּ. ליבערמאַן.

ער פּאָלעמיזירט מיט די אויספיהרונגען פון פּראָקוראָר גראַבאָווסקי, וועלכער האָט געדראָהט, אַז נאָך אַ רעוואָלוציע פון „צענטראָלעוו" וועלען אונזערע ווייבער און טעכטער זיין וועשינס און קעלנערקעס.

דאָן זאָגט אַדוו. האָניגוויל, אַז דער פאָרוואורף וועגען דעם, אַז ס'איז צוגע'דייט געוואָרען אַ רעוואָלוציע געגען דער רעגירונג איז אַ נאָנסענס.

דאס געשריי פון די פראקוראָרען

וועגען דער צוגרייטונג פון אַ בעוואָפענטען אַטענטאַט ווירקט נישט אויף קיינעם. ס'איז אָבער אמת, וואָס זיי זאָגען, אַז אין דעם דאָזיגען פּראָצעס איז אָפּגעווישט געוואָרען די באַריערע צווישען דער פערטיידיגונג און די בעשולדיגטע.

ווירקליך האָבען מיר בשותפות'דיגע אידעאַלען אָבער אין דער פערטיידיגונג זעגען מיר אָביעקטיוו. מיר פרעגען, פאַרוואָס איז בנוגע די בעשולדיגטע אָנגעווענדעט געוואָרען דער פאַראַרעסט אין בריסק דורך דעם אינערן-מיניסטער?

דאָס איז דאָך אַן'אומצוטרוי-וואָטום פאַר דער פּראָקוראַטור.

ס'איז פאַראויס צוגעגרייט געוואָרען אַ ליסטע פון די געפּעהרליכסטע.

ליבערמאַן האָט פאַרגעזעהן, אַז איהם וועט טרעפען אַ שטראָף דערפאַר, ווייל ער האָט פערטיידיגט די געזעצמעסיגקייט.

ווייטער רעדט דער אַדוו. האָניגוויל בּרייט אַרום די ראָלע פון פּ.פּ.ס. און „צענטראָלעוו" און שטעלט פעסט, אַז פּ.פּ.ס. האָט בשום אופן נישט געשטרעבט אַראָפּצוואַרפען די רעגירונג מיט געוואַלד.

אין זיין ווייטערדיגער רעדע, קריטיקירט דער פערטיידיגער זעהר שאַרף די טיילען פון דעם פּראָקוראָר ראַוזעס בעשולדיגונגס-רעדע, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגען דער אַזוי-גערופענער „טעכניק פון אַטענטאַטען".

ער זאָגט, אַז פון דער בראָשור וועגען דער „טעכניק פון די אַטענטאַטען", האָט דער פּראָקוראָר גענומען קאָמוניסטישען מאַטעריאַל, און אירָאָניזירענדיג רופט אָן דער אַדוואָקאַט לעגינען, אַלס אינספּיראַטאָר פון'ם בעשולדיגער.

קעגענדיג אַלע פּריווילעגיעס פון דער פּראָקוראַטור — זאָגט אַדוו. האָניגוויל, אַז ער בעדויערט זעהר שטאַרק, וואָס דער פּראָקוראָר האָט זיך נישט געקאָנט ענטשליסען אויף

אכטונג פאר דער 40-יעהריגער טעטיגקייט פון ליבערמאנען פאר פוילען

דער פערטיידיגער בעטאָנט, אַז דער פּראָקוראָר קאָן נישט די מענשען, וועלכע זיצען אויף דער בעשולדיגונגס - באַנק, און רופט אָן ליבערמאַנען, אַלס קליין שטיינדעל אויף דעם גרויסען שליאַך פון מאַרשאַל פילסודסקי.

מען קאָן אָבער נישט וויסען — זאָגט ער — וואוהין דער דאָזיגער שליאַך וועט פיהרען, צי נישט אַמאָל צו דער דריטער בריק?!

דער פערטיידיגער האַלט, אַז די רעזיגנאַציע פון מאַרשאַל פילסודסקי פון פּרעזידענטען-אַמט איז אַ ריקצוג פון גרויסען שליאַך אויף אַ קליינעם שטעג.

דער פּראָקוראָר האַלט, אַז נישט די בעסטע זיצען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק — איך בעט דעריבער מיר אָנצעווייזען בעסערע.

ענדיגענדיג זיין רעדע, פיהרט דער אַדוו. האָניגוויל אויס, אַז עס דרויגערט פון דער פאַקטאַל פון בעפרייען זיין קליענט, ווייל די 40-יעהריגע אַרבייט פון ליבערמאַנען רעדט פאַר זיך גופא.

דאַן, 2 אַ זייגער, נאָך דער הפסקה בעקומט דאָס וואָרט דער פערטיידיגער פון באַרליצקין, אַדוו. נאגורסקי.

ער זאָגט, אַז

די ראלע פון דער פערטיידיגונג אין איצטיגן פראצעס איז זעהר א שווערע.

נישט דערפאַר, וואָס מען קען נישט אָפּשאַצען די בעשולדיגונג, נאָר ווייל דאָס איז א היסטאָרישע פעראַנטוואָרטליכקייט: מען ווייסט נישט, ווער ס'ווערט דאָ בעשולדיגט — מענשען, צי ריכטונגען?

אַרומרעדענדיג די בעדייטונגען פון פּאָליטישע ריכטונגען אין דער געזעלשאַפט, שטעלט דער אַדוואָקאַט פעסט, אַז פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אַן'אומבּדינגטער פאַקטאָר פאַר די נאָרמאַלע פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם און די דעפּוטאַטען מוזען פערטיידיגען די געזעצמעסיגקייט פון דער קאָנסטיטוציע.

דער כאַראַקטער פון קראָקאָווער קאָנגרעס — זאָגט דער אַדוואָקאַט — איז געווען אַ רוהיגער.

קראָקאָ איז אויסגעקליבען געוואָרען מחמת איהרע גרויסע טראַדיציעס. די גרויסע מאַסען אויפ'ן קראָקאָווער מאַרק האָבען געשיואוי'רען צו פערטיידיגען די רעכט און געזעצמעסיגקייט, און דאָס האָט נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פון קאָנספּיראַציע.

די קראָקאָווער רעזאָלוציע האָט גערופען צום קאַמף געגען דער דיקטאַטור, וועלכע רעגירט איצט אין פוילען. דער אַרגומענט פון דער פּראָקוראַטור, אַז פילסודסקי, וועלכער איז אַרויסגעוואַקסען פון דער רעוואָלוציע קאָן נישט זיין קיין דיקטאַטאָר, איז נישט איבערצייגענד, ווייל אזא משל גיט אונז נאַפּאָלעאָן...

איבערגייענדיג דירעקט צו פערטיידיגען זיין קליענט באַרליצקי, זאָגט אַדוו. נאַגורסקי, אַז אַלע פאָרוואורפעו געגען איהם זענען גרונדלאָז.

די בעשולדיגונגס-עדות כאַראַקטעריזירט דער אַדוואָקאַט אויף אַזאַ אופן, אַז טייל פון זיי ווייסען גאָרנישט, און פערשטעהען גאָרנישט, און אַנדערע ווידער, ווייסען אַלץ און פערשטעהען אויך גאָרנישט...

לסוף פון זיין רעדע בעט דער פערטיידיגער צו בעפרייען דעם דעפּ. באַרליצקי.

מאָרגען, מאָנטאַג וועלען רעדען די פערטיידיגער, די אדוואָקאַטען שטערלינג און שורלעי.

רעקארד-פליה איבער די בערג

דער לופט-פליהער ראָבערט מונץ האָט געשלאָגען א נייעם רעקאָרד אין פליהען, אויפהויבען זיך און אַראָפּלאָזען זיך איבער די אלפען-בערג

אנטי-יודישע באיקאט-אגיטאציע אין ראדאם

שילער בעטייליגען זיך אין דער אגיטאציע

ראדאם (יט"א) זייט א געוויסער צייט ווערט דאָ שטאַרק ענטוויקעלט א געוואלטזאַמע אַנטי-יודישע באָיקאָט-אַגיטאַציע, אין וועלכער עס נעמען דעם טעטיגסטען אַנטייל די שילער פון די מיטעל שולען, בעזונדערס פון דער מלוכה'שער טעכנישער אייזענבאַהן-שיל. ווי מען פערזיכערט, שטעהט בראש פון דער אקציע אין דער דאָזיגער שול איינער פון די לעהרער, גלח קאשוווסקי.

די שילער האָבען איינגעפיהרט „שוואַרצע ליסטעס" פון זייערע קאָלעגען, וועלכע קויפען וואָס עס איז און א יודישען געשעפט. צווישען די שילער הערשט אזא דעמאָראַליזאַציע, אַז יעדער ווערט שפּיאָנירט דורך דעם אַנדערן.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז בראש פון דער ראדאָמער גימנאַזיום שטעהען בעקאַנטע טוער פון רעגירונגס'לאַגער, וועלכע ווייזען אָבער נישט אַרויס קיין חשק צו מאכען א סוף צו דער באָיקאָט-וואַקכאַנאַליע. אז די באָיקאָט-אַגיטאַציע מוז זיך אונבעדינגט אָבּרופען אויף די לערן-פּאַרשריפטען, בעווייזט צום בעסטען דער פאַקט, דאָס די קריסטליכע שילער שטעהען אָפּ גאַנצע שעה'ן פאַר יודישע געשעפטען, נישט אַריינלאָזענדיג קיין קריסטליכע קונים. אויף דעם באָדען ברעכען אויס אָפט גאַסען אַוואַנטורעס.

פרעזידענט נחום סאקאלאוו ביים ענגלישען אויסערן-מיניסטער

לאָנדאָן, 20 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער פאָהרט אָפּ קומענדיגען מיטוואָך קיין אַמעריקא איז אויפגענומען געוואָרען פון ענגלישען אויסערן-מיניסטער סער סימאָן. אין א לענגערן געשפרעך זענען בעריהרט געוואָרען א רייהע לויפענדע ארץ-ישראל-פראגען. אין דעם געשפּרעך איז אויך בעריהרט געוואָרען די ארץ-ישראל פּראַגע ביים פעלקער בונד.

וואס עס קאסט אפ דער אמעריקאנער פרעזידענט

וואַשינגטאָן, 20 (פּאַט) דער איבער-איאָהריגער בּיודושעט ענטהאַלט אין דער רובריק „דאָס ווייסע הויז" א פּאָזיציע פון 429,380 דאָלאַר.

די פּענסיע פונ'ם פּרעזידענט בעטרעפט 75,000 דאָלאַר, און 25 טויזענד דאָלער מאַכען אויס, א חוץ דעם זיינע רייזע-הוצאות.

דער וויצע-פּרעזידענט בעקומט 15,000 דאָלאַר.

150 אמעריקאנער יודען בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל

ניו-יאָרק. (יט"א) דאָס עליה-ביוראָ ביי דער פעדעראַציע פון די אמעריקאנער ציוניסטען טיילט מיט, אַז אין משך פון די לעצטע דריי חדשים האָבען העכער 150 אמעריקאנער יודען געמאַכט די נויטיגע שריט, וואָס זענען פערבונדען מיט זייער בעשלוס צו בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל. דאָס רוב זיינען עס מענשען פון מיטעל-שטאַנד מיט קאַפּיטאַלען איו דורכשניט פון 8 טויזענד דאָלאַר. דאָס רוב עולים פאָהרט אָפּ קיין א"י אין די חדשים פעברואַר אין מערץ 1932, כדי אָנצוקומען פּסח-צייט אין לאַנד.

בלוטיגע אומרוהען אין דמשק

פּאַריז, 20 (פּאַט) „לע טאַן" איז מודיע פון קאַירא וועגען ערנסטע אומרוהען אין דמשק.

בעמיהענדיג זיך נישט צוצולאָזען צו די וואהלען, האָבען די נאַציאָנאַליסטען אַרומגערינגעלט דעם לאָקאַל פון דער שטאַטישער מאַכט, שיסענדיג דערביי אויף דער פּאָליציי.

פּאָליציי האָט געענטפערט מיט שיסען, און עס זענען דער'הרג'עט געוואָרען 2 פּערזאָן, און עטליכע פּערזאָן, זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

נאָך א געוויסער צייט איז דער פּאָליציי געלונגען צו בעהערשען די סיטואַציע.

מערדעריז פון איהר מאן בעקומען א בעפרייאונגס-אורטייל

לעמבערג, 20 (טעלעפאָניש) היינט האָט זיך געענדיגט דער פּראָצעס פון א געוויסער קאָשיטשקאָווא, וועלכע האָט פאַראיאָהרען ערמאָרדעט איהר מאַן.

מחמת ס'איז אנערקענט געוואָרען, אַז זי האָט געהאַנדעלט אין אַן'אויפגערעגטען צושטאַנד איז זי בעפרייט געוואָרען.

עפּידעמיע פון „מומפּס" אין ווילנע

ווילנע, 20 (טעלעפאָניש) אין שטאָט איז אויסגעבראָכען אַן'עפּידעמיע פון מומפּס („שווינקע".

עס זענען קראַנק געוואָרען 51 פּערזאָן.

די סאַניטאַר-מאַכט האָט אַרו'סגעגעבען ספּעציעלע פּערהיטונגס-פאָראָרדנונגען.

יודישע איבערוואנדערער פון לעטלאנד קיין בירא-בידזשאן

ריגע (יט"א) די טעג איז אָפּגעפאָהרען די ערשטע פּאַרטיע יודישע איבערוואַנדערער פון לעטלאַנד קיין בירא-בידזשאַן. די פּאַרטיע בעשטעהט פון 19 פּערזאָן. דאָס זענען אַלץ בחורים, מחמת פאַמיליען מענשען האָט מען נישט גענומען. דאָס רוב איבערוואַנדערער זענען פאַבריקס, ווי בוי-אַרבייטער, טישלער א.א.וו.

לארד רידינג אין ארץ-ישראל

לאָנדאָן, 20 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). דער געוו. אויסערן-מיניסטער לאָרד רידינג איז אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי אָפּגעפאָהרען קיין ארץ ישראל. ביי זיין בעזוך, וועט לאָרד רידינג ערלעדיגען אייניגע אנגעלעגענהייטען בנוגע דער „פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּערייששען" פון וועלכע ער איז פּאָרזיצער.

בלוטיגע אונרוהען אויף דער גרעניץ פון איראק

קאַהירא, 20 (פּאַט) אויף דער גרעניץ פון איראַק זענען אויסגעבראָכען בלוטיגע אומרוהען צווישען די קורדען.

בראש פון די קורדען געפינט זיך דער שייך האמעד.

עס קומען פאָר שאַרפע קאַמפען.

שירטען
מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען
ווערען ערשטקלאַסיג און רעיעל אויסגעאַרבייט
צו ביליגע פרייזען
ביי קערש, סקווערעאווא 15
לינקע אָפיצינע, 1-שטער שטאָק.

אויטאָמאָנישע שוויי-מאַשינען
מעטאַל-בעאַרבייטונגען
שלאָסערייַ-אַרבייטען
מאַשינען-טיילען
פיהרט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
קאָנסטאַנטינער 11/13
(רוג זאַכאָדניא)

Dr. Rożaner
ספּעציאַליסט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעלעפאָן 128-98
נעמט אָן פון 8—10; 4—8 אָוונט.
זונטאָג פון 9 ביז 10 פריה.

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע" דירעקציע: ר. צעלמייסטער, א. בעזמאן
דינסטאג, דעם 29 דעצעמבער ד.י. פונקט 9 אָוונט קומט פאָר דער
30 יעהריגער יובילייי פון ארטיסט דוד אריער
וואָס ווערט געשפּילט? ווער קומט ספּעציעל צו דעם גרויסען יום-טוב?
א חוץ די בעליבטע פייערדיגע קאָסקאַדנע סובּרעטין
רעגינא צוקער
טרעט אויך אויף דער בעריהמטער קינסטלער, דער טראַגי-קאָמיק
וועלכער טרעט אויף נאָר אויף דעם יובילייי-אָוונט
שלמה קוטנער
דער בעליבטער ארטיסט, גרינדער פון „אזאזעל"
יוסף סטרוגאטש
דער אין אין לאָדז גוט בעקאַנטער „אררט"-ארטיסט, ליבלינג פון לאָדזער טעאַטער-עולם
ש. דזשיגאן
און נאָך פיל אַנדערע אַרטיסטען פון גאַנץ פוילען.
ווער קומט נאָך? לייענט די ווייטערדיגע אנאָנסען. ווער קומט נאָך?

לאדז, 21 דעצעמבער 1931

„נייער פאָלקסבלאַט“

לאדז, 21 דעצעמבער 1931

די שפע פון נייע שטייערען

ווידעראַמאָל האָט די בעבעמעהרהייט פון סיים אונז בעגליקט מיט אַ גאַנצער ריהע נייע שטייערען, חוץ דעם געהעכערטען שטייער פון די הויז.-בעזיצער וועלען די איבעריגע שטייערען ווי אַ שווערע משא זיך לייגען אויף די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

נישט איין מאָל האָבען מיר שוין אָנגעוויזען אַז עלעקטריע איז ביי אונז זעהר אַ טייערער אַרטיקעל, און דאָ געהט נאָך די רעגירונג אַרויפלייגען אַ שטייער אין גרויס פון צעהן פּראָצענט אויף אַזאַ פּראָדוקט פון ערשטען געברויך, דער נייער שטייער וועט פערטייערען די פּראָדוקציע, ווייל ווי בעוואוסט, איז עלעקטריע ביים היינטיגען טאָג די וויכטיגסטע טרייב-קראַפט אין דער גרויסער און קלענערער אינדוסטריע, דער נייער שטייער וועט צוויגגען די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, די, וואָס בעוואוינען אין די האַלב פינסטערע קעלערס, סוטערינעס און ביידעמס, — אויב זיי האָבען עלעקטריע — צו בעגרענצען דעם פערברויך ביז אַ מינימום, דאָס הייסט, אויסזיטצען כמעט אין דער פינסטער, בלענדען די אויגען און פערגרעסערען אַזוי-אַרום די אַרמעי אויגען-קראַנקע, וויפיל דירות און וואַרשטאַטען האָבען מיר, למשל, וואָס פאָדערען בעלייכטונג נישט נאָר אין אָווענד, נאָר אויך ביי טאָג. קלאָר, אַז דאָרטען וואויגען די אַרימסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, און אויף זיי וועט דער נייער שטייער זיין אַ משא ווייט איבער די כוחות.

ענליך ווי מיט עלעקטריע איז די נייע „רעפאָרם“ פון אומזאַץ-שטייער. די „רעפאָרם“ בעשטייט צוו. אַנד. דעריין, וואָס אומזאַץ-שטייער וועלען איצט מוזען צאָהלען די קליינע האַנדווערקער-וואַרשטאַטען, וואָס זענען ביז איצט פון דעם דאָזיגער שטייער בעפרייט. און דער רעפערענט פון פּראָיעקט, דער בעבעניק דעפ. וואַרטאַלסקי האָט גאַנץ אָפען ערקלערט, אַז דאָס ווערט געטון כדי די גרעסערע און בעסער-געפיהרטע האַנדווערקער-וואַרשטאַטען זאָלען קענען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מצד די קליינע וואַרשטאַטען.

דאָ מעקט זיך די זעלבע טענדענץ, ווי ס׳האָט די קאַמפּאַניע קעגען די „אומלעגאַלע“ וואַרשטאַטען וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָכ׳ן איינפיהרען דעם מיטעלאַלטערליכען צעכען-געזעץ: אויסהאָבען דעם קליינעם האַרעפאַשנעם האַנדווערקער און מאַכען דעם פּלאַץ פריי פאַר שטאַרקערע עלעמענטען.

געניסען פון נייעם געזעץ וועלען אין דער ערשטער ריהע די גרויסע אונטערנעהמונגען, וואָס פאַר זיי געהט אַריין אין לעבען די פערקלענערונג פון אומזאַץ-שטייער פריהער ווי פאַר די קלענערע אונטערנעהמונגען, דער „ריטשאַלט“ וואָס ווערט איינגעפיהרט פאַר׳ן קליינעם קרעמער און האַנדווערקער, וועט ווייט נישט פערבעסערען זייער לאַגע, ווייל דער דאָזיגער ריטשאַלט וועט זיך שטיצען אויף דעם דורכשניט פון די לעצטע דריי יאָהר, בשעת די אומזאַצען פאַלען איצט קאַטאַסטראָפאַל.

ווי מיר זעהען אַלזאָ, וועלען די נייע שטייערען ריואינירען איין אַרבייטס-וואַרשטאַט נאָכ׳ן צווייטען, וועלען פערגרעסערען די אַרבייטסלאָזיגקייט. דעם דלות און נויט אין לאַנד און וועלען במילא נישט דערגרייכען דעם ציל פון געזעצגעבער צו הויבען די שטייער-הכנסות.

י. ט.

—=):o:(=— —

ענגלאַנד האָט געביטען דאָס פּנים

נאָכ׳ן איינפיהרען די שוץ-צאָלען אין ענגלאַנד

(קאָרעספּאָנדענץ פון לאָנדאָן)

ווער עס איז אַוועקגעפאָהרען פון ענגלאַנד מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק און קומט איצט ווידער צו פאָהרען, דער געפינט דאָרט אַ גאָר אַנדער בילד, מיט פיער וואָכען צוריק איז ענגלאַנד געווען אַ לאַנד פון פרייען האַנדעל, היינט זענען איינגעפיהרט געוואָרען צאָלען אין דער הויך פון פופציג פּראָצענט פון די אַריינגעפיהרטע סחורות און אויך אויף לאַנד ווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, און מען דאַרף מורא האָבען, אַז אָט די מיטלען זענען בלויז אַ הקדמה צו אַ גרויסען פּלאַן פון פּראָטעקציאָנס-צאָלען.

די צאָלען, וואָס זענען דערווייל איינגעפיהרט זענען דער ערשטער נצחון פון די פּראָטעקציאָניס-טען. אין דער ערשטער ריהע זענען איינגעפיהרט געוואָרען שוץ-צאָלען אויף זיידענוואַרג, פּאָרצעלאַן, גלאָזוואַרג, פּאַפּיר, הענטשקעס, אויסאַרבייטונגען פון לעדער, וואָל-סחורות, קאָסמעטיק, א.אַ.וו. אין יאָהר 1930 זענען אַזעלכע סחורות אריינגעפיהרט געוואָרען אויף אַ סומע פון 800 מיליאָן מאַרק, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט 14 פּראָצענט פון גאַנצען אימפּאָרט. אָבער דאָס איז נאָך ווייניג און די אָנהענגער פון די שוץ-צאָלען פאָדערען עס זאָלען איינגעפיהרט ווערען צאָלען אויך אויף אייזען און אויף שטאָל-אויסאַרבייטונגען, אמת, עס הערען זיך שוין שטימען, וועלכע וואָרענען פאַר ווייטערדיגע שריט אין הלכת איינפיהרען צאָלען אויף פערשידענע אויסאַרבייטונגען.

נאָר אויב מען קאָן נאָך געפינען וועלכע עס איז בערעכטיגונג פאַר די דערמאָנטע צאָלען, וואָס זענען געווענדעט געגען „נישט נאָטהאַלען“ אימפּאָרט איז שוין קיין ספק נישטאָ, אַז די איינגעפיהרטע צאָלען אויף לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען טראָגען אַ ריינעם פּראָטעקציאָנס-כאַראַקטער אויף קאַרטאָפעל, אַרבעס, אוגערקעס, טאָמאַטען א.אַ. פּראָדוקטען

איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אַ הויכער צאָל, וועלכען מען קאָן באַין אופן נישט אָגרופען אַנטידעמפּינג-מיטעל. ביז איצט האָט מען זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען אַז אין ענגלאַנד זאָלען איינגעפיהרט ווערען צאָלען אויף לעבענס-פּראָדוקטען, וואָס דאָס קאָן ברענגען צו אַ פערטייערונג פון די ברויט-פרייזען, אָבער אין ענגלאַנד האָט מען שוין דאָס אויך דערלעבט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ערוואַרט מען, אַז עס זאָלען טייער ווערען אַ ריהע אַרטיקלען און פּראָדוקטען און דערמיט וועלען זיך אָנהויבען די נעגאַטיווע פאָלגען פון דער שוץ-צאָל-פּאָליטיק. אָבער נאָך וויכטיגער זענען די קאָנסעקווענצען, וועלכע עס ערוואַרטען ענגלאַנד מצד די אַנדערע לענדער.

נייע צאָלען מאַכען אָן דייטשלאַנד אַ היזק פון אַ פערטעל מיליאַרד מאַרק אַ יאָהר. נישט קלענער איז דער היזק, וועלכען עס וועט ליידען פראַנקרייך. און מען דאַרף ערוואַרטען, אַז אַלע פעראיינטערעסירטע לענדער וועלען אָנגעהמען מיטלען געגען די ענגלישע סחורות, ווען נאָר פראַנקרייך זאָגט זיך אָפּ פון ענגלישע קויהלען, ברענגט דאָס פאַר ענגלאַנד אַ פערקלענערונג פונ׳ם אַרויספיהר אויף 350 מיליאָן מאַרק אַ יאָהר. האָלאַנד, שווייץ און אונגאַרן קויפען אין ענגלאַנד אַזוי פיל, וויפיל די פערקויפען אַהין; ווי לייכט עס איז פאַר די דאָזיגע לענדער צו געפינען מיטלען אויף צו ווירקען אויף ענגלאַנד! אויך די אינטערווענץ פון די באָטשאַפטער

פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער ענגלישער פּאָליטיק איז אָנבעלאַנגט פון דעם, אויף וויפיל עס וועט זיך איינגעבען מאַקדאָנאַלד׳ן אויסצוהאַלטען דעם אַלץ וואַקסענדען הדאַנג פון די אָנהענגער פון פּראָטעקציאָניזם, די וואַהלען אין דעם פּאַרלאַמענט זענען אַדורך אונטער׳ן לאָזונג פון סטאַביליזאַציע און אויפהאַלטען פון פונט, די צאָלען האָבען געדאַרפט זיין נאָר איינס פון די מיטלען דערצו, די צאָלען זענען אָבער נישט געווען קיין ציל צו וועלכע עס האָט געשטרעבט די געזעלשאַפטליכע מיינונג פון ענגלאַנד.

צוויי גרופּעס שטרעבען מיט אַלע כוחות צו ווירקען אויף דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, פון איין זייט די פאָרשטעהער פון דער אינדוסטריע, וועלכע האָבען אויסגענוצט דעם מאָמענט און ווילען אַדורכפיהרען וואָס מעהר פּראָטעקציאָנס-צאָלען, אין איין ריהע מיט די אינדוסטריעלער שטעהען די פערמערס, וועלכע זענען דאָסמאָל אין פּאַרלאַמענט פאָרגעשטעלט זעהר שטאַרק.

פון דער צווייטער זייט שטעהען די, וועלכע זעהען די בעדייטונג פון דעם עקאָנאָמישען בונד פון ענגלאַנד מיט דער איבעריגער וועלט, און וועלכע זעהען נישט די ישועות וועלכע עס וועט ברענגען ענגלאַנד דאָס צאָל-סיסטעם, עס ווערט ריכטיג אָנגעוויזען אויפ׳ן געפאַהר, וואָס דראָהט דעם ענגלישען עקספּאָרט, אַפילו „טיימס“ וועלכער איז ביז נישט לאַנג געווען אַן אָנהענגער פון די שוץ-צאָלען ראָט צו האַנדלען פאָרזיכטיג און איבערלעגט.

ג. פ—ן.

קעניג געאָרג V און פּוילען

מיניסטער זאַלעסקי דערצעהלט וועגען זיין אוידיענץ ביים ענגלישען קעניג

דער אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי האָט געגעבען עם מיטאַרבייטער פון „איסקרא“ אַן אינטערוויו וועגען זיינע איינדריקען פון בעזוך אין לאָנדאָן. דער מיניסטער דערצעהלט צ. א. וועגען זיין בעזוך ביים ענגלישען קעניג.

דאָס איז געווען, דערצעהלט דער מיניסטער, אַ פּריוואַטע אוידיענץ, איך בין איינגעלאַדען צום טיש פון בעקינגהאַם-פּאַלאַץ, וועלכער איז בעשטימט פאַר אַזעלכע מינים אוידיענצען. אונזער האָט געוואַרט אויף מיר דער שאַמבעלאַן, ער האָט מיך איינגעלאַדען אין גרויסען סאַלאָן. וועלכער איז איינגעאָרדנעט פּראַכטפול אין אַלט-ענגלישען סטיל, נאַטירליך בין איך געקומען מיט עטליכע מינוט פריהער פאַר דער בעשטימטער שעה.

איך בין געווען איבערצייגט איז אַ געוועהנליכער ראַק אהן אָרדענס און אָפּצייכענונגען. פּינקטליך 11 אזייגער האָט מיר אַן אַנדער שאַמבעלאַן מיטגעטיילט, אַז דער קעניג ערוואַרט מיך אין זיין קאַבינעט. איך בין נאָכגעגאַנגען מיין פיהרער דורך אַ לאַנגען קאָרידאָר, וועלכער איז געווען בעצירט מיט פערשיידענע זאַכען פון כינעזישער קונסט. איך בין אַריין אין אַ שטאַק וואו עס געפינט זיך דער קאַבינעט פון קעניג. דער קאַבינעט איז בעצירט מיט זעהר טייערע אַנטיקען אין אַלט ענגלישען סטיל. ביים פענסטער שטעהט אַ סערוואַנטקע מיט טייערע שמוק זאַכען פון גאָלד און אַנדערע איידעלע מעטאַלען. אויף די ווענד העגגען מיניאַטורען פון הויכען קינסטלערישען ווערט. אויפ׳ן שרייב-טיש, ווי עס שטעהט איבעראַל, פון גרויסען קאַבינעט, געפינען זיך די פאָטאָגראַפיעס פון דער קעניגין און פון די קעניגליכע קינדער.

ווען איך בין אַריינגעקומען, איז דער קעניג געשטאַנען נעבען שרייב טיש. ער האָט מיך בעגריסט און האָט מיר פאָרגעלייגט צו פערנעהמען אַ פּלאַץ אין אַ פאָטעל נעבען שרייב טיש. דאָס געשפּרעך איז געגאַנגען וועגען פּוילען און וועגען אונזערע בעציהונגען. איך מוז מודה זיין, אַז קעניג געאָרג האָט מיך פערוואונדערט מיט זיינע גענויע קענטעניסען פון די פּוילישע איגענע בעציהונגען, ער האָט געוואוסט, אַז אונזער וואַליוטע האָט זיך נישט אַ וואַקעל געטון ב״ת די לעצטע וואַליוטע-קריזיסען אַז מיר האָבען אַן אַקטיווע האַנדעלס-בילאַנס. פון דעם גאַנצען געשפּרעך איז געווען צו זעהן, אַז דער קעניג נישט בלויז ער אינטערעסירט זיך מיט די פּוילישע ענינים, נאָר ער קען זיי גאַנץ גוט. דער קעניג האָט אַ חיץ דעם אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט. די מיינונגען קען איך נישט ציטירען, נישט האַנדלענדיג דערויף קיין ערלויבניש. דאָס געשפּרעך האָט געדויערט 15 מינוט, דאַן האָב איך זיך מיט דעם קעניג געזעגענט.

ענגלאַנד וועט נישט אַוועק פון ארץ-ישראל

אינטערוויו פון אַ שאַנכאַי׳ער יודישער צייטונג מיט סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן

שאַנכאַי, (י.ט.א.) די היגע יודיש ענגלישע צייטונג „איזראַעלס מעסענדזשער“ פערעפענטליכט אַן אינטערוויו מיט סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן, וועלכער איז דער יודישער עפענטליכקייט בעקאַנט פון זיין בעריכט וועגען די ווירטשאַפטליכע מעגליכקייטען פון א״י, וואָס האָט געדינט אַלס יסוד פאַר דעם בעריהמטען פּאַספיעלד-ווייסבוך. אין משך פון אינטערוויו האָט סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן ערקלערט צוו. אַנד.:

עס זענען נישט אמת די קלאַגען, וואָס בעווייזען זיך פון צייט צו צייט אין דער פּרעסע אַז ענגלאַנד האָט בדעה צוריקצוציהען זיך פון א״י און איבערלאָזען דאָס לאַנד זיין אייגענעם גורל. איך גלויב, אַז גרויסבריטאַניען וועט האַלטען איהר וואָרט און וועט העלפען די יודען אויפבויען דאָס לאַנד. גלייכצייטיג אָבער וועט ענגלאַנד אויך נישט פערגעסען וועגען די רעכט פון דער אַראַבישער בעפעלקערונג.

איך האַלט אויך איצט אַלס ריכטיגע די מיינונגען, וואָס איך האָב געבראַכט צום אויסדרוק אין מיין בעריכט. הגם איך פערשטעה זעהר גוט און שעץ דעם יודישען שטאַנדפּונקט, דאַרף האַלט איך, אַז עס איז געווען אַ פעהלער אַרויסצושטויסען אַראַבישע אַרבייטער פון בעשעפטיגונג אין יודישע קאָלאָניעס. די דאָזיגע פּאָליטיק בעשווערט די אַראַביש-יודישע בעציהונגען און גיט אַ געלעגענהייט צו פיהרען אַ נישט-יודישע אַגיטאַציע. איך זאָג נישט, אַז ווען מען זאָל נעמען די אַראַבער אַרבייט אין די יודישע קאָלאָניעס, וועלען זיי מיט דעם נישט זיין קיין שום רייבונגען צווישען אַראַבער און יודען. איך זאָג אָבער, אַז דאָס וואָלט אַרויסגענומען פון די אַראַבישע הענד אַ שטאַרקען אַגיטאַציע געווער.

אמת, אַראַבער בעשעפטיגען נישט קיין יודען. די אַראַבישע בעפעלקערונג איז זעהר אָפּגעשטאַנען. זיי זענען אַן׳אָרים פאָלק. חוץ דעם קאָלקולירט זיך עס ביליגער צו געבען אַרבייט אַראַבער איידער יודען מחמת דעם נידעריגען לעבענס סטאַנדאַרד פון די אַראַבער.

די ראָטשילד קאָלאָניעס, וואָס בעשעפטיגען אַראַבישע אַרבייטער טוען זעהר גוט. זיי דערגרייכען אַזוי אַרום דעם גייסט פון אונצופרידענהייט אין אַ לאַנד, וואָס דאַרף שלום און האַרמאָניע.

סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן איז מסכים, אַז א״י קען בעשפּייזען אַ גרעסערע בעפעלקערונג ווי איצט, אָבער ביי אַ געהעריגער ענטוויקלונג פון לאַנד. א. ב. זאָגט ער, ציהען דאָך די יודען מעהר אין די שטעט און די שטאָטישע בעפעלקערונג וואַקסט שנעל. ער האַלט, אַז יודען האָבען דאָס רעכט צו קאָלאָניזירען א״י און לעבען דאָרט אין הסכם מיט די זייערע אַנערקענטע רעכט.

סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן האַלט נישט פאַר אוממעגליך אַן אַראַביש-יודישע פערשטענדיגונג. ער גלויבט אַז אין א״י דאַרף געשאַפען ווערען אַ געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט.

סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן דריקט אויס זיין בעוואונדערונג פאַר דעם פּראָגרעס פון די יודישע קאָלאָניעס אין א״י. די יודען, זאָגט ער, האָבען באַמת פערוואַנדעלט אין בליהענדע פעלדער ערד-שטחים, וואָס זענען זייט יאָהרהונדערטער געלעגען אונבעאַרבייט. דערמיט קען די ציוניסטישע בעוועגונג זיין שטאָלץ.

שלום-פּראָפּאַגאַנדע אין ענגלאַנד

יוגענטליכע טראָגען ארום [illegible] מיט אויפשריפטען געגען מלחמה

ווידער אַ סינאַגאָגע-שענדונג אין דייטשלאַנד

בערלין, (י. ט. א.) אין משך פון דער נאַכט זענען אויסגעהאַקט געוואָרען איינינע שויבען אין דער סינאַגאָגע אין דער שטאָט לינעבורג. דאָס איז שוין איינינע וואָכען שוין די צווייטע שענדונג פון דער לינעבורגער סינאַגאָגע.

אַנטיסעמיטישע באָיקאָט-פּראָפּאַגאַנדע אין עסטרייך

פּראָטעסט פון די עסטרייכישע יודען

ווין, (י.ט.א.) אַ דעלעגאַציע פון דער „אוניאָן פון עסטרייכישע יודען“ האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם יוסטיץ מיניסטער ד״ר שירף און איהם אויסגעדריקט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען דעם, וואָס די מאַכט טאָלערירט די בסדר וואַקסענדע אַנטי-יודישע פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען אין עסטרייך. אין די פּראָווינץ-שטעט ליידען די יודישע געשעפטס-אייגענטימער זעהר שטאַרק פון דער פּראָפּאַגאַנדע און אַנטיסעמיטישען טעראָר. די דעלעגאַציע האָט פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער אָריגינאַלען פון פיל באָיקאָט-אויפרופען, וואָס ווערען מאַסענוויוז פערשפּרייט הן אין ווין, הן אויף דער פּראָווינץ. די דעלעגאַציע האָט געפאָדערט אונטערצונעהמען שריט געגען דער באָיקאָט-אַקציע, וועלכע שטעהט אין סתירה צו דער קאָנסטיטוציע.

דער מיניסטער האָט צוגעזאָגט, צוזאַמען מיט דער פּראָקוראַטור צו בעטראַכטען, וועלכע מיטלען קענען געזעצליך אָנגענומען ווערען געגען די באָיקאָט-פּראָפּאַגאַנדיסטען.

ספארט-בעוועגונג

ווי טאר א יודישע מאנשאפט נישט געוואונען פון א פוילישען קלוב?

סקאנדאל אויפ'ן באקס-מעטש גוויאזדא (ווארשא) — גייער 1:13

אנהויבענדיג צו שרייבען דעם בעריכט פון א באקסער-מעטש צווישען א יודישער מיט א פוילישער מאנשאפט האבען מיר שוין ווידער צו פערצייכענען אויף א גרויסען אנטיסעמיטישען סקאנדאל אין די היגע ספארט-קרייזען, דעם דאזיגען סקאנדאל האט ארויסגערופען איינער פון די פיהרענדע פערזאנען פון דער לאדזער ספארט-וועלט צוליב א גאנץ אומשולדיגען ענין און געמליך די יודישע ארבייטער מאנשאפט פון ווארשא האט אין א באקסער-מעטש מיט'ן היגען פוילישען פא[...]קס-קלוב „גייער" אהן ספקות געשלאגען די פוילישע מאנשאפט. דאס איז שוין געווען א גענוגענדער ארגומענט ארויסצורופען א קאמפראמיטירענדען סקאנדאל, וועלכער שטעלט אוועק אין א בולטער פארם די ספארט-קולטורלאזיגקייט און אנטיסעמיטיזם פון פארזיצער פון „גייער" דעם פערוואלטונגס-מיטגליד פון א רייה ספארט-פערבאנדען אין לאדז.

דער סקאנדאל האט זיך אנגעהויבען ביי פאלגענדע אומשטענדען: נאך די קאמפען פון די ערשטע 3 פאר איז דער רעזולטאט געווען 1:5 פאר דער יודישער מאנשאפט און ביי דעם פערטען קאמף האט דער יודישער באקסער פון „גוויאזדא" לעוויט געשלאגען זיין געגנער פון „גייער" מיטשטעלענדיג דעם רעזולטאט אויף 1:7 לטובת „גוויאזדא" דעמאלט האט זיך אויפ'ן רינג בעוויזען דער פארזיצער פון „גייער" ה' ווענדע און האט ז[...]געפאדערט דעם ריכטער ה' שטערן צו פערלאזען דעם רינג, די אנוועזענדע אויפ'ן ארט לייטונג פון לאדזער באקסער-פערבאנד האט פערשטענדליך זיך שארף ענטגעגענגעשטעלט דער דאזיגער דרייסטער פאדערונג פון דעם „ספארט-פיהרער", און פערארדענט דעם פערבאנדס-ריכטער ה' שטערן פארטצוזעצען די קאמפען. ה' ווענדע האט דערביי געמאכט א וויסטען סקאנדאל און צוריקגעצויגען זייבע איבעריגע באקסער פון די ווייטערע קאמפען. ה' שטערן האט דאן ווייטער געפיהרט דעם מעטש אבער שוין אהן די „ספארטליך"-דערצויגענע באקסער, אזוי ארום זענען די איבעריגע 3 קאמפען ענטשידען געווארען לטובת „גוויאזדא", וועלכע האבען געשטעלט דעם רעזולטאט מיט'ן הויכען נצחון פאר „גוויאזדא" 1:13.

עס איז דערביי ווערט צו אונטערשטרייכען אז ה' שטערן האט די גאנצע צייט געפיהרט די קאמפען זעהר אביעקטיוו ביי דער אלגעמיינער צופרידענקייט אפילו פון „גייערס" קריסטליך פובליקום, וועלכע האבען אלעמאל מיט דער גאנצער איינשטימיג קיין אויפגענומען די רעזולטאטען.

מיט דעם דאזיגען סקאנדאל וועט זיך איצט פערנעהמען דער לאדזער באקס-פערבאנד, און עס איז צו האפען, אז די דאזיגע אינסטאנץ וועט ארויסטראגען איבער דעם „גרויסען ספארט-טוער" זיין פערדינטען פסק, וואס איז דער אלגעמיינער פערלאנג פון דער גאנצער ספארט-וועלט אין לאדז.

די בעזונדערע קאמפען שטעלען זיך פאר פאלגענד:

אין דער פאפיר-וואג האט ראטהאלץ („גוויאזדא") געקעמפט מיט קאמערסקין, דער יודישער באקסער האט איבערגעשטיגען זיין געגנער מיט א גאנצער קלאס און האט אפגעהאלטען א פערדינטען נצחון אויף פונקטען.

אין דער פליגען-וואג האט דייטשגעוואנט („גוויאזדא") א שטארקער איבערמאכט איבער וואויטשעכאווסקין, צוליב אבער זיינע צוויי ווארנונגען פון ריכטער, מוז ער זיך בעגנוגען [...] א רעמיס-רעזולטאט, דער רעזולטאט איז 1:3 לטובת „גוויאזדא".

אין דעם דריטען קאמף פון דער האהן-וואג שלאגט זאטעל (גוויאזדא) זיכער זיין געגנער קרום אויף פונקטען, שטעלענדיג דעם רעזולטאט אויף 1:5 לטובת „גוויאזדא".

איינע פון די שענסטע קאמפען פון מעטש, איז געווען דער קאמף אין דער פעדערען-וואג, צווישען לעוויט (גוויאזדא) און יאוואראק, דער [...]קער יודישער באקסער האט זיין געגנער דאס ערשטע מאל אוועקגעלייגט ביז 8 און דאס צווייטע מאל ביז 10, געווינענדיג דעם קאמף מיט א ב[...]אוט. דער רעזולטאט איז 1:7 לטובת „גוויאזדא".

נאך דעם קאמף איז אויסגעבראכען דער אויבענאנגעוויזענער סקאנדאל, צוליב וועלכען דער מעטש איז איבערגעריסען געווארען, און עס איז אנערקענט געווארען די ווייטערע 6 פונקטען פאר „גוויאזדא".

דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט'ן הויכען רעזולטאט פון 1:13 לטובת „גוויאזדא".

נאך דעם מעטש, איז פארגעקומען א פריינדשאפטס-קאמף פון דער לייכטער-וואג צווישען ראזענבערג (גוויאזדא)) און גאווין (גייער), וועלכער האט זיך נאך א שיינעם קאמף פערענדיגט מיט א רעמיס-רעזולטאט.

די יונגע יודישע ארבייטער - מאנשאפט פון „גוויאזדא" פערמאגט א זעהר פיל צוזאגענד מאטעריאל, און בעזיצען שוין א הויכער מאס פון טעכניק און רעפרעזענטירען זיך איבערהויפט זעהר גוט, אזוי, אז מען קאן נאך פון איהר א סך דערווארטען. בעזונדערס צייכענען זיך אויס ראטהאלץ און לעוויט, וועלכע האבען אלע מעלות פאר ערשטראנגיגע באקסער.

פערשטעהענדער סענסאציאנעלער באקס-מעטש

דעם 14-טען יאנואר ק. י. וועט אין בערלין פארקומען דער סענסאציאנעלער באקס-מעטש צווישען דעם איטאליענישען ריז קארנערא און דעם דייטשען באקסער גירינג

האקעי

לאדזער מייסטערשאפטען

ל. ק. ס. — סטזשעלעצקי 1:7

אוניאן — מכבי 0:10

ספארט-שפילען

נעץ-באל, פרויען:

חכח — ארלען 14:30

טריומף — ארלען 15:30

ארקאן — הכח 7:30

טריומף — ארקאן 26:29

ה. כ. ס. — י. ק. פ. 15:24

ה. ק. ס. — מכבי 6:30

נעץ-באל, מענער:

שטערן — ארקאן 0:30

נעכטען האט געווילט אין לאדז די נעץ-באל-מאנשאפט פון דער ווארשאווער „ראדזשינא וראיסקאווא", וועלכע האט געשפילט 2 מעטשען מיט דער לאדזער „ראדזשינא". די ווארשאווער האבען ביידע מעטשען פערשפילט מיט די רעזולטאטען — 20:30 און 18:30.

יאפאנער עראבערן צוויי וועלט-רעקארדען אין שפרינגען

נאמבו האט ערצילט אין וויים-שפרונג 7,98 מעטער

אדא האט פעסטגעשטעלט אין דריי-שפרונג 15,58 מעטער

ספארט אין די בערג

ביים אריינגאנג אין א גרויסען אינטערנאציאנאלען האטעל אין די אלפען-בערג. די געסט זענען געקומען פון א ספארט-אימפרעזע

ספארט-כראניק

דעם 26. דעצעמבער קומט פאר אין לאדז אן אינטערעסאנטער האקעי-מעטש צווישען דער פויזנער ווארטא און ל.ק.ס.

דעם 26. און 27. דעצעמבער קומען פאר אין לאדז 2 באקסער-מעטשען צווישען דער לאדזער י.ק.פ. און א.ק.ב. פון שלעזיען. ביידע מעטשען קומען פאר אין פאפולארני טעאטער.

עפענטליכער משפט איבער פינג-פאנג

אויסנוצענדיג דעם ווינטער-סעזאן, האט די פערוואלטונג פון „הכח" בעשלאסען צו ארגאניזירען א גאנצע רייה פארלעזונגען און דיסקוסיעס אויף אקטועלע ספארט-טעמעס.

די ערשטע אימפרעזע וועט זיין אן עפענטליכער משפט איבער פינג-פאנג. אויף דעם דאזיגען משפט וועט בעהאנדעלט ווערען די פראגע, צי איז פינג-פאנג גאר א פערוויילונג, צי א ספארט, וועלכער האט געדארפט ארגאניזירט ווערען אין פערבאנדען, קרייז-פערבאנדען, אדער אפילו אין [...]לוכה'שע פערבאנדען.

די דאזיגע אימפרעזע וועט פארקומען [...] טיגען פרייטאג אין לאקאל פון „הכוח", פיעטריקאווער 83.

די פוסבאל-שפילער פון הכח קאנדידאטען צו דער מכבי'אדע

א צוזאמענהאנג מיט דער מכביאדע, וועלכע וועט [...] אין אפריל 1932 אין תל-אביב ווערט שוין איצט בעטראכט די פראגע ווער זאל גוּפּשטעלען א פוסבאל-[...]רעזענטאנץ פון פוילען פאר דער „מכביאדע".

ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען אין דער רעפרעזענטאנץ אנטיילנעהמען אויך עטליכע שפילער פון לאדזער „הכוח".

באקס-קאמפען אין „העלענאוו"

נעכטען זענען אין זאל פון העלענאוו פארגעקומען אינטערעסאנטע באקס-קאמפען, ארגאניזירט דורך „א טיאן". די סענסאציע פון טאג איז געווען דער קאמף אין שווער-געוויכט, צווישען מייסטער פון פוילען שטיבע מיט דעם יונגען „אויפגעבונדען שטערן" ראסלאוו, די טעכנישע רעזולטאטען זענען פאלגענדע: ביטצער (אוניאן), שלאגט וואלענטשיק, מיכאלסקי שלאגט שימקעוויטש (בר-כוכבא), ציראן שלאגט פראנטשאק, פיסארסקי — ווראווסקין און לופיעץ — בארנאווסקין. שטיבע האט מיט א קליינער איבערגעוויכט בעזיגט אויף פונקטען זיין געגנער.

דער פאקעטרעגער

(פון מיינע ערינערונגען)

פון ראובן ברײנין

יעדעס מאָל, ווען העניך דער פאַקעט־טרעגער פלעגט אַראָפּקומען אין אונזער שטעטעל מיט זיין פּאַק ספרים און ביכלעך, איז עס פאַר אונז יונגלעך, וואָס האָבען שוין אָנגעהויבען נאַשען בגנבה פון דער השכלה ליטעראַטור, — געווען אַ יום־טוב.

צוויי מאָל אַ יאָהר פלעגט זיך העניך אַריינ־כאַפּען צו אונז מיט זיין טייער׳ען אוצר. מיט דער גרעסטער אומגעדולד פלעגען מיר דערוואַרטען זיין אָנקומען. און האָט ער זיך אַמאָל פערהאַלטען אין וועג האָבען מיר נאָך איהם פשוט אויסגעקוקט די אויגען.

אַלע השכלה און מליצה־ביכלעך, וועלכע האָבען זיך געפונען אין שטעטעל און אין דער סביבה, האָבען מיר שוין געהאַט איבערגעלייענט ישר יהפוך (אויף ◆◆־יו ־און צוריק), און דעריבער האָט זיך אונז געלוסט נאָך עטוואָס נייעס, אומבעקאַנטעס.

האָט איינער פון אונזער חבריא דערוואַרבען אַ ביכעל, איז ער שוין, ווי דער דרך איז געווען, איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און ווען יעדער פון אונז האָט עס שוין געהאַט איבערגעלייענט האָבען מיר עס צוגעשיקט אין די אַרומיגע שטעטלעך, פון וואַנען מען האָט אונז געגענזייטיג צו־געשיקט די נייע ביכלעך, וואָס זיי האָבען דאָרט געהאַט.

גרויס, זעהר גרויס, איז געווען דער דאַרשט נאָך השכלה, נאָך בילדונג. קליין, זעהר קליין, אָבער איז געווען די מעגליכקייט צו בעפרידיגען עס.

צו יענער צייט, מיט מעהר ווי אַ האַלב יאָהר־הונדערט צוריק, איז דער פאַקעטרעגער געווען פאַר אונזער חבריא די איינציגע האָפנונג, די איינציגע מעגליכקייט, צו בעפרידיגען אונז, וועלכע זענען געוועסען אין אַ פינסטער׳ען ווינקעל, מיט דער ליכ־טיגער השכלה־וועלט.

* * *

און ווען העניך דער פאַקעטרעגער, דער ליכט ברענגער, פלעגט אָנקומען צו אונז, איז לעבעדיג און פרעהליך געוואָרען אין אונזער ווינקעל. אין אונזער יונגלישער באַוווּסטזיין האָבען מיר געגלויבט. אַז העניך קומט פון יענע מקומות, וואו די זון פון ציוויליזאַציע (דאָס וואָרט „קולטור" איז דאַן נאָך נישט געווען אין געברויך אויף יעדען צונג) בעשיינט און בעלייכט אַלע בעשעפענישען און די „חכמות זינגען אין די גאַסען".

העניך פלעגט אַרומפיהרען מיט זיך צוויי אוצרות: איין אוצר רעליגיעזע ספרים, דער אַנ־דער־ער אוצר — השכלה־ביכלעך. דעם צווייטען אוצר פלעגט ער מיטפיהרען געהיים, בסודי סודות, פער־שטעקט און בעגראָבען צווישען אַלטע פּאַפּוסעס, אַלס קאָנטראַבאַנדע. די השכלה ביכלעך פלעגט ער האַלטען איינגעשפּאַרט אין זיין צימער׳ל אין דער אַכסניא, אין עק שטאָט. נאָר שפּעט ביינאַכט און גע׳גנב׳עטערהייט פלעגען מיר דאַרפען קומען צו העניכ׳ן איינקויפען די „פּסול׳ע און די טריפה" ביכלעך. העניך האָט גוט געוואוסט, אַז ווען די חסידים (און ביי אונז אין שטעטעל זענען אַלע גע־ווען חסידים) זאָלען זיך דערוויסען וואָס פאַר אַ געפעהרליכע סחורה, וואָס פאַר אַ סם־המות ער פערשפּרייט צווישען זייערע יוגענטליכע קינדער, וואָלט ער שוין מעהר נישט געדאַרפט. עס וואָלט גע־ווען סכנות־נפשות אי פאַר איהם זעלבסט, אי פאַר אונז, קינדער. יעדער נייער ביכעל, וואָס מיר האָבען דאַן דערוואָרבען, איז געווען פערבונדען מיט מסירת־נפש פאַר ביידע צדדים.

קיין וואונדער נישט וואָס העניך דער פאַקעט־טרעגער איז געווען זעהר פאָרזיכטיג און קאָנספּיראַ־טיוו אין זיין שמוגלעריי.

און דער ראָמאַנטישער אַבענטייער און די געהיימטועריי, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט דער סכנות׳דיגער ליטעראַטור־שמוגלעריי, האָט אונז טייער און ליב געמאַכט יעדען השכלה־ביכעל.

* * *

פון העניכ׳ס אָנקומען אין אונזער שטעטעל פלעגען מיר דערפאַהרען אין בית המדרש הגדול. דאָרט פלעגען מיר איהם אָנטרעפען ביים דאַווענען, וואו ער פלעגט זיך פערשפּרייטען מיט זיין אוצר פון רעליגיעזע ספרים: דרוש, מוסר, קבלה, שאלות ותשבות, גמרות, סדורים, מחזורים, סליחות, קינות און דאָס גל.

העניך האָט שוין געהאַט אַ חזקה אויף אַ לאַנ־גען טיש בעשלאָגען מיט בלעך, וואָס איז שטענדיג געווען פערקאַפּעט מיט חלב. אויפ׳ן טיש פלעגט ער פונאַנדערלייגען זייגע פרישע געבראַכטע ספרים, מיט די אויסטערלישע נעמען, שלעכט און פערגרייזט גע־דרוקט און אוממעגליך בראַשירט.

דער עולם פלעגט דאַווענען און העניך פלעגט דערווייל פיהרען זיין געשעפט. אַ צונג האָט ער גע־האַט ווי אויף שרייפלעך. מיט יעדען אין שוהל האָט ער זיך געקאָנט אויס׳טענה׳ן. ער האָט געוואוסט, וואָס יעדער פון די מתפללים — פון די דאַווענער — זוכט אויף זיין טיש, וואָס ער ברויכט און מיט וואָס קאָן ער איהם נעהמען אויף זיכער.

און דער עולם, אַפילו די גאַנץ אָרימע, פלעגען קויפען, פלעגען שטענדיג האַנדלען און בעצאָהלען מיט מזומן. און ווען דער עולם פלעגט דערפאַהרען אַז העניך האַלט שוין ביים אָפּפאָהרען, פלעגט ווער׳ען אַן׳אויסכאַפּעניש אויף זיינע רומעל־ספרים. גוטע צייטען, שלעכטע צייטען — דער יודישער עולם האָט צו אַלע צייטען געקויפט ספרים, ווען מ׳־האָט אַפילו געדאַרפט צוליב דעם אונטערהונגערן און טראָגען צעריסענע שיך.

* * *

אונזער חבריא פלעגט זיך האַלטען אין דער געגענוואַרט פונ׳ם דערוואַקסענעם עולם, אין בית המדרש, פרעמד און ווייט פון העניכ׳ן, ווי מיר וואָל־טען זיך גאָר נישט געקענט און ער געהט אונז גאָר נישט אָן. ◆◆ ויפ׳ן וואונק־לשון פלעגען מיר זיך דער־כרערען. ער בלינצעלט צו אונז ממזיר׳יש מיט די אויגען, וואָס אויף זיין רמז־לשון האָט עס געמיינט: קינדער, קונדסים, עס איז דאָ סחורה אויך פאַר אייך, און וואָס פאַר אַ סחורה! לויטער אַנטיק־זאַכען פון אַנטיקען לאַנד. או הערטורי איז דאָס די ריינע השכלה, די בת־השמים, די הימעלס־טאָכטער.

אַזוי פיל און נאָך מעהר האָט פאַר אונז גע־מיינט דער אויגען־וואונק פון העניך, דעם פאַקעט־טרעגער.

מיט אַ וואונק פון אונזערע אויגען גיבען מיר איהם צו פערשטעהען, אַז מיר זענען העכסט גליק־ליך מיט דער גוטער בשורה, וואָס קומט צו אונז פון זיינע אויגען, און אַז מיר וואַרטען מיט גרויס אומגעדולד אויף דער שעה ווען ער וועט אונז געבען אַ צייכען, אַז מיר קאָנען קומען צו איהם אויף דער אַכסניא.

און אויך העניך פערשטעהט דעם לאַנגען זין פון אונזער קורצען אויגען־וואונק.

און ער געפינט אַ פּאַסיגען מאָמענט, ווען דער עולם שטעהט מיט צוגעמאַכטע אויגען שמונה עשרה, אַ פרעג צו טון אויף זיין אויגען־לשון: „נו, באַב־דיטלעך, האָט איהר די ממתקים, איך מיין מזומנים"?

און מיר ענטפערען פון אונזער זייט מיט די אויגען, קלאָר און דייטליך: „געוויס האָבען מיר גע־נוג מזומנים! מיר קענען דיך, דו גרויסער קאָנטראַ־באַנדיסט!"

* * *

ווען העניך פלעגט אויספערקויפען זיין עולם הבא ליטעראַטור, פלעגט ער אונז געבען אַ צייכען, אַז מיר קאָנען קומען צו איהם שפּעט ביינאַכט; און דערביי פלעגט ער צו אונז אַ מאַך טון אַזוי קונציג מיט׳ן לינקען אויגעל, וואָס האָט געמיינט גאַנץ אייבי־פאַך: חברי׳ה־משכילים זייט פאָרזיכטיג ווען איהר געהט צו מיר! קומט נישט אַלע אויף איין מאָל! מאַכט נישט קיין רעש אין שטעטעל אום האַלבע נאַכט! ווען נישט, וועלען איהר אַלע, איך און איהר, האָבען אויסגעריסענע יאָהרען — און אַ סוף אַנ׳עק וועט זיין צו אייער׳ע השכלה חלומות! פער־שטאַנען?

און מיר האָבען זעהר גוט פערשטאַנען מיט וואָס מיר ריזיקירען ווען מען זאָל אונז כאַפּען מיט דער קאָנטראַבאַנדע אין די הענט. דען יעדער ספר וואָס די צאָהל פון זיינע עמודים, זייטען, זענען בע־צייכענט געוואָרען נישט מיט די אותיות פונ׳ם אל״ף בי״ת, נאָר מיט ציפער אָדער מיט רוימישער צאָהל: יעדער ספר מיט סמני הפסקה, אינטערפונק־טאַציע, וואָס גלידער׳ט דעם זאַץ, ווי אויך יעדער ספר׳ל מיט קורצע שורות יעדער פון אַזעלכע ספרים איז דאַן ביי אונז אין שטעטעל פערעכענט געוואָר׳ען פאַר אַפּיקורסות, פאַר עבודה זרה, פאַר געצענדינעריי, וואָס איז געווען אַ מציה צו פערניכ־טען אַזעלכע ביכלעך און שטרענג צו בעשטראָפען יעדען, וואָס נעהמט אין האַנט אַזאַ טריף־פסול.

מיר האָבען דאָס אַלץ געוואוסט, אָבער דער יצר הרע פון השכלה האָט דאָך גובר געווען...

אין דאָרף גאַלרהויזען (קאַסעל, דייטשלאַנד) איז אין אַ פּערוואַ פענעם גרובען ענטדעקט געוואָרען אַ גאָלד־מינע. מען איז דעריבער צו עטראָטען צו די געהעריגע גראָבינגס־אַרבייטען

אנטאני

(דערצעהלונג)

— .1 —

ערגעץ האָבען הינט זיך שטיל צובילט. וואָיענ־דיג, זייער געשריי מיט׳ן ווינט אויסגעמישט, פּערל פינקלענדיגע האָבען געמיגנעט אין דער ווייסער בלוי־ליכקייט. אויפ׳ן שפּיץ פון הויכען בעשאָטענדיגען קוימען, וואָס האָט ווי אַ נאַכט־שומר געבליקט אַ־רום זיך, האָבען מיט אַ וואָרטשעריי זיך געטוליעט פערפרוירענע, מרה־שחורהדיגע וואָראָנעס. דער שוואַ־כער שיין, וואָס האָט שווער־אָטעמדיג זיך געריסען דורך די בעבלימטע שויבען, האָט זיך געוואַלגערט אויף דער שוועל לעבען דער בודקע פון שוואַר־צען בורעק מיט די ווייסע פּאַסען אַרום גלאַנציגען האַלז, וואָס האָט מיט פערטרערטע אויגען געגלאָצט אויף דער ווייטער פערזילבערטקייט און מיט דער פייכטער מאָרדע געשנאַפּט דעם קאַלטען אָטעם פון חער נאַכט.

כאָרכלענדיג האָט אַ סקריפּע געטון די טיר, שאַרענדיג פאַר זיך דעם אָנגעפאַלענעם שניי טוי. שטיל האָט זיך אַ וואַקעל געטון אַנטאָניס לאַנגע פי־גור, שלייכענדיג אויף שפּיץ פינגער מיט שטילע טריט געצייכענט דעם אַרויסגאַנג דורך דער שמאָלער פורטקע. די שניידיגע לופט האָט אַ פּאַך געטון מיט אכזריות אויף אַנטאָניס אַרויסשטאַרצענדיגע באַ־קען־ביינער, פּאַסמעסווייז זיך געשלענגעלט דורך זיינע אויגען־ווינקלען, בענעצענדיג זיי מיט אַ פייכ־טען קויש, אַנטאָני האָט אַ קערעווע געטון אויף רעכטס. קעגען ווינט געגאַנגען, צילענדיג צו די שוואַרצע צלמים וואָס האָבען ווי אַ געדיכטער מאוימדיגער וואַלד אויפ׳ן ראַנד פון פעלד זיך גע־צייכענט.

מיט פאַמעליכדיגער מיושבדיגקייט האָט אויף איהם אַ קאַלטען קוק געטון דאָס נאַקעטע פּנים און בלייליך פערשטאַרטען אין סוף, שטום האָבען זיך צעדוקט די שוואַרצע צלמים מיט פונאַנדערגעשפּריי־טע הענד און איהם ווי איינגעקלאַמערט אין זייער עדה, האָט ער אַ לאָז פאַלען געטון זיינע קניען ביי איינעם פון זיי, דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַרונ־טערגעלאָזט און שטאַר מיט אויסדרוקסלאָזע אויגען געקוקט אויף דעם קליינעם געהאַרטען קראַנץ וואָס האָט זיך פעריתומט געוואַלגערט צו די פיס פון ניזריגען זיינעם צלם, איז ער ווי צוגענאַגעלט געוואָר׳ען און בעקומען דעם אָנבליק פון די אַרומיגע שוואַרצע שכנים.

אַז די פערגליווערטקייט האָט ווי אַ בלייערנע מאַסע געשלעפּט איהם אין אַ אומבעשטימטער טיף און אַז ווערעמלעך אונצייליגע זענען מיט משונהדי־גע שנעלקייט האַסטיג געלאָפען אונטער די פאַל־דען פון זיין העמר, און אַז צוויי וואַסערדיגע פלעקען האָבען טונקעל מיר אַראָפּגעקוקט פון זיינע באַ־קען־הוריבות, האָט ער אַ הויב געטון די לאַסט וואָס איז אויף איהם געלעגען און געדריקט ווי עפּעס פורעמדס און שטום מיט אַראָפּהענגענדיגען קאָפּ גע שלייכט צו דער הייזקע.

איז ער אויפ׳ן וועג שטעהן געבליבען פער־מראַכט ווי פערגעסען אין זיך, אין דמיון פון עפּעס נישט געזעהענעס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, פון עפּעס אַזעלכעס וואָס האָט נישט קיין אויסדרוק, האָבען איהם צוויי הענט, זייגע הענט די פערפרוי־רענע אָנגענומער אין אַ שמייכעל פון צוויי גרויסע לאַכענדיגע אויגן האָט אַ שמייכל געטון איבער זיין געזיכט, איז ער בלינד ווי פערפיהרט נאָכגעגאַנגען ביי איהר זייט, געלאָזט זיך פיהרען פון איהרע וואַרעמע הענט, ווי דעמאָלט ווען די וואַרעמע מאַמע־שי׳ס האַרטע פינגער האָבען איהם פאָרזיכטיגע גע פיהרט דורכ׳ן שטאַטישען יאַריד.

איז ער געלעגען אויפ׳ן בעט נישט אויסגעטון און מיט אָפענע אויגען געקוקט אין טונקעלען חלל. האָבען געפלען זיך געוויקעלט, געקרייזט מיט רע־געלמעסיגען גאַנג און זיך געלאָזט אין אַ ווילדען וויר וואַר. האָבען שאָטען זיך געשלייכט, געשווימען איי בער פון דעם צווייטען אַרויס, און אַזוי לאַנגזאַם, עלאַסטיש זיך געבויגען צום טאַקט פון אַנ׳אומבע־קאַנטען און דאָך ערגעץ געהערטען ניגון. האָבען פנימער פון דער ערד זיך געהויבען געשלייכט, צו איהם, אויפ׳ן וועג זיך בעהעפט, גרויס געוואָרען, אויף איהם מיט מישלייד געקוקט, האָט ער דערקענט אין איהר סטעקען, זיין פערשטאָרבען ווייב, האָט זי אַרומגענומען, געהרוקט צו זיך און מיט שרעק געקוקט אויף די לאַכענדיגע אויגען וואָס האָבען אין זיינע געקוקט — קאַשיע? אַ יאָ! זי האָט איהם דאָך נעכטען אַפּגעפיהרט! האָט ער זיינע הענט פון איהר אַפּרייסען געוואָלט און נישט געקאָנט. ווי צוגע־בעגלעט האָבען זיי געקלאַמערט אין תאווה׳דיגער שיכרות — האָט אויף איהם געקוקט די לאַנגע גע־שטאַלט פון סטעפּקען, וואָס האָט מיט פאַרוואוּרף זיך געדרוקט צו דער טיר.

האָט ער זיך אַ וואָרף געטון, די אויגען רייי־בענדיג, פון בעט אַראָפּ, אַ פאַל געטון צום גע־קרייצטען וואָס האָט פערוואונדערט איהם געמאַכטען מיט זיינע פערחלומטע בליקען, האָבען זיך זיינע פּאַסמעס האַר צוואָרפען, געקלעזט ••• ייחם פייכטען שטערן. דער קאָפּ פערדריקט צווישען די אַקסעל האָט פון מידקייט זיך געוויגט אין קרייז, איז ער ווי אַראָפּגעפאַלען אויף דער קאַמאָד און אַזוי ליגען געבליבען ביז דער באַגינען האָט געהילט אין גרוי.

— .2 —

אין בלייכען פּאַרטאָג האָט אַפּוירגעשמייכעלט פון הינטער קליינע כמאַרעלעך אַ שעמעוודיגע זון אונטער וועמעס גליטען ס׳האָט זיך געטוליעט דער פערשטאַרטער קערפּער פון דער פערפרוירענער ערד וואָס האָט נישט דערייסט אָפּוירגעשמעקט איהר טוב־קעלען קאָפּ און געסאַפּעט מיט אַ געדיכטער אויפ־גייענדיגער פּאַרע, ס׳האָט אַ ווי געטון מיט פרייש־קייט ווי פון אויסגעבאָרענע, געזונטע מענשליכע לייבער — האָט זיך אָט דער ריח געטראָגען פון כאַטקע צו כאַטקע, אַרויסגעטריבען די פערשלאָפענע פויערים, אַ ריס געטון טירען־פענסטער, וואָס האָבען זייער׳ע פערווינטע פּיסקעס געעפענט צום איינאָטע־מען דעם אויפגייענדיגען קטורת פון דער ערד׳ס בויך. האָבען פלינקע יאַדעדיגע הענט פון צערוי־טעלטע ווייבער וואָס דער שלאָף האָט נאָך גענייצענ־דיג אַראָפּגעשמיכעלט פון זייערע פולע באַקען גע־טראָגען די מלבושים וואָס האָבען אַ ווינטער אַ לאַנ־גען אין די קאַמאָדעס ביים אויוועון זיך געוואַרעמט און צוהאַנגען אויפ׳ן פלויט וואָס האָט איבער דעם סטאַוו, האָבען שטראַהלען־שפּיזלעך זיך אַ וועג דורכ געשלאָגען דורך אַנטאָניס פערמאַכטע לאַדען, גע־שפּילט זיך שטיפעריש אויפ׳ן באַצערטען פּנימעל פון דער זעקס־יאָהריגען העלענקען, זיך צוטאַנצט קרייז־לענדיג אַרום איהר ווייס העלזל געקיצעלט איהר די אויגעלעך, וואָס האָבען פערוואונדערט זיך אויפגע־ריסען, אַ שמייכעל געטון און נאָכגעפאָלגט דעם גיכען קרייז פון שטויב אַרום די ווייסע שטראַהל־שנירעלעך, האָט זיך ווי דורך אַ גלעט פון אַ מאַ־מישער האַנט אַראָפּגעגליטשט דער פערקרימטער גרימאַס פון איהר בלייך פּנימעל, האָט זי מיט די אויגען געזוכט אין בעט, איז שוין דער פאָטער נישט געווען. שוין לאַנג אַוועק אין פעלד אַרבייטען, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען געהאָפּסט מיט די פיסלעך, צום פענסטער, אַ ריס געטון דעם לאַדען און אַרויס געלאָכט צום זוניגען גלאַנץ וואָס אין ווייסען הויף.

דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מאַמעס טויט, פון דעמאָלט ווען די מאַמעס אויגען האָבען שטאַר גע־קוקט צום סופיט און אַרום די דינע ליפּען האָט זיך געגלעט אַ בלאַסע דערכזיכטיגקייט און נעבען בעט איז דער טאַטע זיין אַ קניענדיגער געלעגען פער־שטייפט מיט אַן אַהנונגענדיגע הענט און דער אַל־טער יאַן קאַניעוויטש מיט די בעוואַקסענע גרויע ברעמען האָט שטיל ושומענדיג אַ תפילה געזונגען ווי אַ ביי׳ן צעצווייגטער בוים אין אַ ווינטעלדיגע זו־מער־נאַכט און די אַלטע פויערשע שכנים האָבען אויף די קניען זיך געוויגט אין קרייז אַרום זיך, געצייכענט צלמים אין אויר — דאָס ערשטע מאָל האָט העלענקע אַזוי קינדעריש געלאַכט צו דער שיינענדיגער העלישקייט, איהרע אייגלעך, איבער־לאָפּענע תמיד האָבען זיך אויסגעלייטער׳ט, פאַר איה־רע אויגען האָט אויפגעטויכט די ערד אַ צעוואַרעמטע אין דער פאַרע פון איהר לייב. פויערשע פיס האָבען זיכער געטרעטען איבער׳ן האַרטליכען פעלד. מיט אַ שטיפעריי האָבען זיך דורכגעטראָגען די ערשטע פויגעלעך, קלינגענדיג מיט זייער׳ע דינינקע קולות, קינבאַק און פערטראַכט געוואַרט אויפ׳ן פּאָטער.

נאָר אַנטאָניס געזיכט איז שוין לאַנג געווען אויסגעלייטערט, זיינע קנאָכיגע קין־באַקען האָבען זייער שפּיציגקייט פערלוירען, זייער שאַרפקייט האָט רונדיגע פאָרמען אָנגענומען, אין גרויען באַגינען איז ער אויף די פעלדער, וואָס האָבען זייער ערשטע גרינקייט אַרויסגעשפּראָצט, געשטאַנען. מיט פערווונדערטען בליק פאַר זיך געקוקט האָבען דמיונות ווי דאָס בליצען פון שטערן אין אַ זומער־נאַכט גע־טאַנצט אין זיין מוח, האָט ער נישט פיהלענדיג גע־שפּרייזט פאַר זיך, נישט זעהענדיג דעם וועג, האָט איהם אַ שטויס געטון עמיץ, וואָס האָט געשפּרייזט אַנטגעגען איהם אַ טעלעזשקע אַ הילכיגס. האָט זיך אַרויסגעקייקעלט פון צוויי שורות געזונטע ציין, האָט אַזאַ אינערליכע פרייד אָנגעגאָסען זיינע גלידער, אַז עפּיס ווי ... ליכט איז ... אַנגען איז זיינע ... און אַ קראַפט אַזאַ ריזיגע האָט אָנגעפילט זיין גאַנצעס מהות

(סוף מאָרגען).

משה וואַרמאַן.

באראן הירש דער גרעסטער יודישער פילאנטראפ

פון א. אלפערין.

— .5 —

די ערשטע עמיגראנטען קיין ארגענטינא

און אזוי איז ביי באראן הירש קלאר געווארען דער פלאן וועגען שאפען א גרויסע יודישע עמיגראציע און קאלאניזאציע־געזעלשאפט נאך דעם נישט געלונגענעם פרוב, וואס ער האט געהאט מיט דער רוסישער רעגירונג, וועגען העלפען די רוסישע יודען אין זייער היים־לאנד, ער האט טאקע געוואלט פער־נוצען פאר זיין נייער געזעלשאפט דעם פאנד, וועלכען ער האט געוואלט פריהער איבערגעבען דער רוסישער רעגירונג — די פופציג מיליאן פראנק.

א געלעגענהייט האט דערפיהרט באראן הירש'ן אז ער זאל אנהויבען טראכטען וועגען ארגענטינע אלס לאנד פון יודישער אימיגראציע און קאלאניזאציע.

די יודישע איינוואנדערונג קיין ארגענטינע האט זיך בישט אנגעהויבען א סך פריהער איידער באראן הירש האט דארט געגרינדעט זיינע קאלאניעס, אין לאנד האט געוואוינט א קליינע צאהל יודען, וואס האבען געשטאמט פון ענגלאנד, דייטשלאנד, פראנקרייך, אין אלגעמיין האבען זיי זיך געצעהלט 1500 נפשות, אבער דא האט זיך אראפגעלאזט קיין ארגענטינע דער ערשטער שטראם פון די יודישע עמיגראנטען פון רוסלאנד. דאס איז געווען אין דער צייט פון די גרויסע וואנדערונגען פון די רוסישע יודען נאך די פאגראמען פון יאהר 1881, אין יולי 1889, האט איך בר׳עמען זיך געפונען א גרופע יודישע עמיגראנטען פון רוסלאנד פון 827 פערזאן, מענער, פרויען און קינדער, אין די פארטען האבען זיך דעמאלט ארומגעדרעהט פערשידענע עמיגראציע־אגענטען, וועלכע האבען געלויערט אויף די פער־צווייפעלטע, עלענדע, אנטלאפענע יודען פון רוסלאנד. איינער אזא עמיגראציע־אגענט האט איינגערעדט די גרופע פון די 827 מאן, אז אויב יעדער איינער פון זיי וועט איהם געבען צו 400 פראנק וועט ער זיי איבערפיהרען פון בר׳עמען קיין בוענאס־איירעס, וועט זיי אויסהאלטען אויפ׳ן וועג אומזיסט מיט עסען און אין נאמען פון א גרויסען גרונד־בעזיצער אין ארגענטינע האט ער זיי פערזיכערט אז יעדע פאמיליע וועט בעקומען א גענוגענדען טייל באדען און מאשינען איהם צו בעארבייטען, ווי אויך צו לעבעדיגען אינווענטאר, בהמות א.א.וו. פאר דעם אלעם — האט ער זיי געזאגט — וועלען זיי דארפען אנהויבען אפצאהלען ערשט נאך דעם ערשטען שניט.

עס פערשטעהט זיך, אז דער עמיגראציע־אגענט האט אפגענאר׳ט די ארימע יודען.

די אומגליקליכע פערווארפענע יודישע עמיגראנטען זענען פערבליבען אויף דער סטאציע פאלאציאס אהן שום מעגליכקייטען ווייטער צו פאהרען און אהן שום שטיקעל ברויט זיך צו דערהאלטען ביים לעבען, אזוי האט זיי פערפיהרט דער עמיגראציע־אגענט.

צופעליג האט זיך דארט געפונען א יודישער דאקטאר פון פאריז, לעווענטאל, וועלכער האט בערייזט ארגענטינע צו וויסענשאפטליכע צוועקען, ער האט זיך בעגעגענט מיט די אומגליקליכע יודישע עמיגראנטען, האט זיך בעקענט מיט זייער לאגע און האט זיך געווענדט וועגען דעם מיט א לענגערען בריף צום אויסערן־מיניסטער אין ארגענטינע. לעווענטאל האט געשריבען צום מיניסטער, אז שוין 6 וואכען ווי פינף הונדערט עמיגראנטען געפינען זיך אויף דער סטאציע פאלאציאס אין א שרעקליכער נויט און הונגער, און א גרויסער טייל פון די עמיגראנטען איז שוין דארט קראנק געווארען פון דער נויט., 61 קינדער זענען געשטארבען פון הונגער און אנדערע וועלען נאך אויסשטארבען, אויב מען וועט זיי נישט קומען צו הילף.

באראן הירש שיקט אויספארשען ארגענטינא

לעווענטאל האט געגלויבט אז די אומגליקליכע פערפיהרטע יודישע עמיגראנטען וועלען שוין פערזארגט ווערען מיט ארבייט און ער איז אוועק געפאהרען קיין פאריז מיט א גרויסען פלאן. ער האט פארגעשטעלט דעם רב הכולל צדוק כהן א פראיעקט פון יודישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע, ער האט איבערגעגעבען אז אויף זיין רייזע איבער ארגענטינע האט ער איינגעפונען, דאס אין פיל געגענדען זענען פערהאן זעהר גינסטיגע בעדינגונגען פאר בעזעצען יודען ביי לאנדווירטשאפט. לעווענטאל האט אין זיין אנגעשריבענעם מעמאריאל אויסגעפיהרט אז יודען קאנען געפינען אין ארגענטינע „פריידע לייכטע און בכבודע ארבייט“, אז פאר יודישע קאלאניעס איז געזיכער׳ט א גרויסער ערפאלג און אז דאס וועט זיין אן׳אנהויב פון אן נייער עפאכע אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאציע, נישט נאר פון דער יודישער, נאר אויך פון דער אלמענשליכער“.

באראן הירש האט געלעגט אויף ארגענטינע דיזעלבע האפנונגען, ווי דר. לעווענטאל, ער איז צוריקגעקומען קיין פאריז און האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט דר. לעווענטאל׳ן און עס איז בעשלאסען געווארען צו שיקען א דעלעגאציע קיין ארגענטינע, וואס זאל אויספארשען ספעציעל די לאגע. אין דער דעלעגאציע האט באראן הירש בעשטימט לעווענטאל׳ן. די דעלעגאציע איז ענדע נאוועמבער 1889 אוועקגעפאהרען קיין בוענאס איירעס און אנגעקומען אהין אין דעצעמבער.

דעם 20־טען יאנואר 1890 האט דר. לעווענ־

געשטארבען א בעקאנטער פילאנטראפ

דער בעקאנטער אמעריקאנער מיליאנער און פילאנטראפ העגרי היידע, איז געשטארבען אין עלטער פון 85 יאהר.

טאל אוועקגעשיקט צו דער „אליאנס“ א לענגערען בעריכט מיט גוטע גרוסען פון יענע עמיגראנטען וועגען וועלכע מען האט זיך געווארגט פיל יאהרען אין פאריז. א טייל פון די עמיגראנטען האבען זיך שוין געהאט איינגעארדענט אין פארמעס ארבייטעדיג ביי לאנדווירטשאפט און אויך ביי פערשידענע מלאכות. די יודישע לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער זענען שטארק געלויבט געווארען דורך די פערוואלטער פון די קאלאניעס, זיי האבען זיך בעסער אויסגעצייכענט פון די איטאליענער, וועלכע האבען זייער גאנץ לעבען געארבייט ביי לאנדווירטשאפט. אזוי האבען א־רום פינף הונדערט יודישע נפשות זיך שוין געהאט איינגעארדענט אין דער קאלאניע מאזעסוויל אליין.

די דעלעגאציע האט פארגעלעגט איינצוקויפען באדען צו שאפען די ערשטע קאלאניע, באלד האט זי איינגעקויפט טאקע מאזעסוויל אליין. און די דארטיגע יודישע קאלאניסטען זענען די ערשטע ארונטערגעגאנגען אונטער׳ן רשות פון באראן הירש.

(ווייטער מארגען).

פערווייסטונגען פון שטורעם אויפ׳ן מורח־ים



א בליק אויפן סורארט קראנץ

וויפיל מאל האסטו מיר פערראטען?

פיפיסער איינפאל פון א מאן ארויסצובעקומען פון זיין פרוי א גט

אין ווילנע ווערט דערצעהלט פאלגענדע געשיכטע :

דער ווילנער איינוואויגער פרץ מ. איז נאך א 3־יאהריגען צוזאמענלעבען מיט זיין פרוי זיך פונאנדערגעגאנגען מיט איהר און גענומען פארערען ביי איהר א גט. די יונגע פרוי האט אבער נישט געוואלט דערפון הערען. זי האט געוואוינט בעזונדער און האט זיך נישט געאיילט נעמען ביים מאן א גט. איהר מאן פרץ מ. האט דערוויל זיך בעקאנט מיט א ווילנער פריילין, וועלכע איז איהם שטארק געפעלען געווארען, ער האט בעשלאסען מיט איהר חתונה צו האבען אבער ווי אזוי האט ער געקאנט געהען אונטער דער חופה, ווען זיין ערשטע פרוי וויל נישט נעמען קיין גט. ער האט איהר אפילו געהאט פארגעלעגט פאר׳ן גט א סומע געלד. די פרוי האט אבער פון גארנישט געוואלט הערען.

דער יונגערמאן איז דאן געפאלען אויף א המצאה.

איינמאל איז ער פלוצלונג געקומען צו זיין פרוי און דערקלערט איהר, אז ער האט חרטה אויף דעם, וואס ער האט איהר אוועקגעווארפען און ער האט בעשלאסען ווידער מיט איהר צו לעבען.

ער האט געבעטען זי זאל קומען צו איהם אהיים און דארט וועלען זיי אלץ ארומרעדען.

די פרוי האט מסכים געווען.

צו דער בעשטימטער צייט האט מ. איינגעלאדען צו זיך אין שטוב צוויי גוטע פריינד, וועלכע ער האט בעהאלטען אין שאף פון זיין קאבינעט.

ווען זיין פרוי איז געקומען האט ער זיך מיט איהר פונאנדערגערעדט וועגען פערשידענע ענינים, פלוצלונג רופט זיך אפ דער מאן.

— הער, אזוי ווי מיר געהען ווייטער צוזאמען לעבען, וויל איך וויסען צי האסטו מיר לעצטענס פערראטען צי נישט?

פון אויפרעגונג האט זיך די פרוי איהם מודה געווען אז זי האט טאקע איינמאל נישט בייגעשטאנען דעם נסיון און האט איהם טאקע פערראטען.

— אט דאס דארף איך — האט מיט טריאומף אויסגערופען דער מאן — און דערביי ארויסגעלאזט פון שאף זיינע צוויי בעקאנטע אלס עדות פון געשפרעך — איצט וועסטו שוין נעמען ביי מיר גט.

דער פלוצלונגער אומדערווארטעטער פינאל פון געשפרעך האט אויף דער פרוי געווירקט אזוי, אז זי איז מיט א היסטערישען געשריי געפאלען אויפ׳ן דיוואן און געחלש׳ט. אן׳איבערגעשראקענער האט מ. ארויסגערופען די גיכע הילף, און די סאניטארען איז קוים געלונגען אפצומינטערען די געחלשטע פרוי, וועלכע איז אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

שנעלער אויסקויף
פון פאטענטען
און רעגיסטראציע־קארטן
אויפ׳ן יאהר 1932
בעזארגט דאס ביורא
B. Mann
פיעטריקאווער 10, וו. 14.

א מאל און איצט

ווי אזוי מענשען האבען זיך אין אמאליגע צייטען בעצויגען צו ערפינדונגען און ווי אזוי מען קוקט איצט אויף ערפינדונגען. — נאפאלעאן האט נישט אנערקענט די ערפינדונג פון ערשטען דאמף־שיפל. — די צרות פון פיאנא־ערפינדער. — ענגלישער פארלאמענט האט נישט געלאזען בויען די ערשטע באהן

מענשען לערנען בטבע זעהר לאנגזאם. עס ווייזט אויס, אז דער געהירען אין זייער שארבען ליגט שווער ווי א בליי און פוילט זיך צו ארבייטען.

און אז די דאזיגע בעהויפטונג איז נישט קיין פוסטער חלום וואלט מען איך קאנען בעווייזען מיט א טוץ עדות.

ווען פולטאנ׳ס ערשטע דאמף־שיפעל, למשל, האט אומגעלומפערט זיך געצאפעלט אויפ׳ן האדסאן האט קיין מענש אויף דער וועלט נישט געגלויבט, אז עס וועט אמאל ווערען א נוצליכע כלי, וואס וועט מאכען א רעוואלוציע אין דעם ים־פערקעהר.

מען דערצעהלט, אז אימיצער האט דעמאלט פארגעשלאגען נאפאלעאן דעם ערשטען איבערצונעמען פולטאנ׳ס ערפינדונג און אנצוהויבען בויען טריסע דאמף־שיפען, איז דער גרויסער קארסיקאנער, ווי מען האט נאפאלעאנ׳ען גערופען, געווען טאקע א קלוגער מענש און גאנץ אייראפע האט ער געוואלט איינשלינגען, אבער פון פולטאנ׳ס ערפינדונג האט ער זיך אפגעזאגט; נישט געהאט אין איהר קיין אמונה.

נאר שפעטער, ווען ער איז ווי א געפאנגענער לייב געזעסען אויף דעם איינזאמען שטיינערנעם אינזעל, האט ער אנגעהויבען צו פערשטעהען, אז ווען ער וואלט דעמאלט אנגענומען דעם אנבאט, וואלט אפשר די גאנצע וועלט־געשיכטע געמוזט אנדערש געשריבען ווערען.

אדער איהר נעמט, צום ביישפיל, די פיאנא, דער איטאליענער קריסטאפארי האט עס ערפונדען מיט קארגע 250 יאהר צוריק, און עס איז טאקע נישט אזא וויכטיגע ערפינדונג ווי דאמף; אבער צרות האט דער ערפינדער געהאט אויפ׳ן פוד. עס האבען זיך געפונען מענשען, וואס האבען איהם בעשולדיגט, אז ער איז אין בונד מיט׳ן טייוועל. זיי האבען בשום אופן נישט געקאנט משיג זיין ווי אזוי ער האט בעשאפען זיין אינסטרומענט, כאטש מוזיק איז שוין גאר אן׳אלטע קונסט, און לאנגע יאהרען האט עס געדויערט ביז זיי האבען אנגעהויבען צו פערשטעהען און לערנען אפצושאצען קריסטאפארי׳ס ערפינדונג.

כמעט אזוי שלעכט איז עס אויך געשטאנען מיט ענגלאנד, און אט וואס די געשיכטע דערצעהלט :

ווען עס איז געקומען צו בויען די ערשטע באהן אין ענגלאנד איז דער ענין צוערשט געבראכט געווארען פאר די קלוגע קעפ פון פארלאמענט, צווישען וועלכע עס האט אויסגעבראכען א מהומה, מייל א גרויסער טייל פון די געזעצגעבער איז געווען געגען דעם באהן־בוי.

— שוין בעסער צו פאהרען מיט אן׳אייזעל אידער מיט דער באהן — האט איינער פון די געזעצגעבער ארגומענטירט, — וואדים מיט אן׳אייזעל איז מען ווענינגסטענס זיכער; די באהן אבער קאן איבערפאהרען א ציג און דער שאדען וועט זיין גרעסער וויפיל די גאנצע באהן קאן ברענגען נוצען.

נאך א געזעצגעבער האט גאר פרובירט געבען א מין וויסענשאפטליכע ערקלערונג פארוואס מען טאר נישט דערלאזען קיין באהן אין ענגלאנד.

— די פייינט פון דער באהן — אזוי האט ער גע׳טענה׳ט — גיבען אן פאר איהר הויפט מעלה, וואס זי לויפט גיך און מען וועט איינשפארען צייט. אבער אויב די באהן וועט לויפען ארום צוואנציג מייל א שעה וועט דאך ביי די מענשען דער אטעם פער׳כאפען. אין א געשווינדקייט פון איבער צוואנציג מייל מוז דאך א מענש דערשטיקט ווערען.

עס איז נישט שווער צו פערשטעהען פון יואנען יענער חכם האט געשעפט זיין וויסענשאפט, ווייל אזוי האבען אלע געגלויבט. מען איז דעמאלט געווען געוואוינט צו פאהרען געמיטליך, פאוואליע, ווי דער גלופסקער מוכר ספרים אויף זיין קליאטשע, און א געשווינדקייט פון צוואנציג מייל א שעה איז בעטראכט געווארען שיר פאר אקפיצת הדרך.

סוף כל סוף איז די באהן אין ענגלאנד, ווי מיר אל עווייסען, יא געבויט געווארען; אבער עס בעווייזט ווי שווער עס איז פאר די מענשען צו בעגרייפען א נייעס און זיך צוגעוואוינען דערצו. עס בעווייזט ווי פאמעליך זיי לערנען.

באר דאס איז אלץ געווען אמאל, היינט כאפט מען זיך שוין צו־גיך פאר יעדער נייאיגקייט; מען איז שוין אפילו אומגעדולדיג, אז מען וויל איבעריאגען וואס עס איז ניי.

לופט־פליהערייי איז אין עצם גאך א נייע ערפינדונג, הגם פאר די עטליכע יאהר זינט די ברידער ראיט האבען זיך גענומען פאר דער פאבריקאציע פון לופט־מאשינען איז אויף דעם געביט אויפגעטון געווארען וואונדער. עס עקזיסטירען שוין היינט לופט־ליניעס צווישען די ווייטסטע לענדער פון דער וועלט און הונדערטער, טויזענטער מענשען בענוצען זיך יערען יאהר מיט די אלערליי מינים לופט־שיפען פאר זייערע רייזעס. און באמת האט קיין אנדער ערפינדונג אין אזא פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט נישט געוואונען דעם צוטרויען פון די מענשען ווי די לופט־פליהעריי.

דארף מען גלויבען, אז פריהער אדער שפעטער וועט ערפונדען ווערען די ראקעט־לופט־שיף, וואס וועט טראגען דעם מענשען ארום דער ערד אין דריי טעג און אפשר אויך אין די הויכע הימלען צו דער לבנה, און דאס איז אין גרונט גענומען דער גרעסטער פראגרעס, וואס די מענשען האבען היינט געמאכט געגען דער אלטער צייט.

דעמאלט האט מען אויף יעדען ערפינדער געקוקט ווי אויף א „קרענק“ אדער ווי אויף א שותף פון טייוועל און מען האט געשטער׳ט דעם בוי פון דער אייזענבאהן, ווייל טאמער וועט א באהן איבערפאהרען א ציג; מען האט דעמאלט געשטערט יעדען נייעם געדאנק. מען האט נישט געגלויבט אין זיך אליין.

היינט האבען מיר אלע צוטרויען צו דעם מענשליכען געניוס און מיר ערווארטען נאך פיל פון זיין שאפונגס־גייסט.

ווייל דער מענש גלויבט היינט אין זיינע אייגענע כחות. ער פיהלט, אז ער האט די פעהיגקייט צו דערגרייכען דעם ציל, וואס ער האט פאר זיך געשטעלט, און פליהען אויף טלאבע איז פאר איהם גאר נישט נויטיג.

ר.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מאנטאג 21 דעצעמבער — י"א טבת תרצ"ב

זון-אויפגאנג 7.41
זון-אונטערגאנג 3.24

די פלענאר-זיצונג פון דער לאדזער האנדווערקער-קאמער

די קאמער אהן אנפירונג. — די ענדעקעס ווילען נישט קיין יודען. — די גערעכטע פאדערונג פון די יודישע ראטמענער. — געשאפען א מעהרהייט אהן ענדעקעס. — ראטמ. זאזשיצקי - פרעזידענט, ראטמ. קאזשימיערסקי - וויצע-פרעזידענט. — נאך א יוד געוועהלט אין דער פערוואלטונג

נעכטען איז ענדליך נאך לאנגע חדשים פארגעקומען די פלענאר-זיצונג פון דער לאדזער האנדווערקער-קאמער. ווי באקאנט איז דער

קריזיס אין דער קאמער

איינגעטרעטען צוליב דער רעזיגנאציע פון געוו. פרעזעס פון דער קאמער שוואנקאווסקי, פון עטליכע פערוואלטונגס-מיטגלידער און פון דעם דירעקטאר. דעמאלס האבען זיך אנגעהויבען אונטערהאנדלונגען וועגען א נייעם פרעזידענט, נייע פערוואלטונגס-מיטגלידער און א דירעקטאר. אין דער קאמער האבען זיך געפינען 3 גרופעס, א ענדעקישע מיט 9 ראטמענער, א סאנאטארישע מיט 11 ראטמענער און די יודישע גרופע מיט 9 ראטמענער, כדי צו שאפען א שטענדיגע מעהרהייט פאר א נארמאלער ארבייט אין דער קאמער האבען זיך אלזא געמוזט פאראייניגען צוויי פון די אויבענדערמאהנטע גרופען אויף א בשותפות'דיגער פלאטפארם אין ארויסרוקען קאנדידאטען אויפ'ן אמט פון פרעזידענט, פערוואלטונגס-מיטלידער און דירעקטאר.

לכתחילה האט מען געפרובט פון פערשידענע זייטען צו ברענגען צו א הסכם צווישען אלע ראטמענער צו א געמיינזאמער ארבייט לטובת די האנדווערקער פון דער לאדזער וואיעוואדזטווע, די דאזיגע אלע פרובען האבען אבער אנגעטראפען אויף א

שטארקען ווידערשטאנד מצד די ענדעקעס

וועלכע האבען ביי דער געלעגענהייט געוואלט געפינען א ביימש אויף די יודישע האנדווערקער און מיט זיי לערנען בלק.

די יודישע האנדווערקער-ראטמענער, וועלכע רעפרעזענטירען 40 פראצענט פון אלע האנדווערקער אין דער וואיעוואדזטווע האבען אבער בשום אופן נישט געוואלט דערלאזען, אז ס'זאל פערשמעלערט ווערען זייער רעכט אין דער קאמער, וואו ס'ווערען בעהאנדעלט פראגען, וואס האבען א לעבענס-אינטערעס פאר די יודישע האנדווערקער.

די יודען האבען אויך פערלאנגט א גערעכטע פערטרעטערשאפט אין דער פערוואלטונג פון דער קאמער, אפילו ווייניגער וויפיל זיי קומט פראצענטועל. די ענדעקעס האבען דערצו נישט געוואלט דערלאזען און האבען כסדר איבערגעריסען די אונטערהאנדלונגען.

אין אזא לאגע האט זיך די קאמער געפינען א לאנגע צייט. די פונקציעס פון פרעזידענט האט דערוויילע ערפילט דער סאנאטארישער ראטמאן זאזשיצקי און דער וויצע-פרעזידענט קאזשימיערסקי.

אזא צושטאנד האט לאנג נישט געקענט דויערען.

די וואיעוואדזטווע און דאס האנדעלס-מיניסטעריום

האבען אויפגעפאדערט די לאדזער האנדווערקער-קאמער צו א נארמאלער ארבייט, אבער אויפ'ן באדען פון דער קאמער האט מען צו קיין שום פערשטענדיגונג נישט געקענט ברענגען.

ענדליך האט דאס האנדעלס-מיניסטעריום בעפולמעכטיגט דעם וויצע-פרעזעס קאזשימיערסקי, אז ער זאל צונויפרופען א פלענארע זיצונג פון ראט וואו ס'זאלען אדורכגעפיהרט ווערען די וואהלען צו די אנפיהרערשאפטען פון דער האנדווערקער-קאמער. וויצע-פרעזידענט קאזשימיערסקי האט די דאזיגע זיצונג צונויפגערופען אויף נעכטען.

היינטיגען שבת זענען קיין לאדז געקומען די מיטגלידער פון דער דעפוטאטען-קאמיסיע פאר האנדווערקער ענינים ביי „בעבע", סענאטאר וויעכאוויטש, דעפ. ארדזשיקאווסקי און דיר. גושיקאווסקי, כדי צו פערמיטלען וועגען א פערשטענדיגונג. די ענדעקעס זענען ווייטער געווען הארט און כסדר גערייטען אויפ'ן אנטיסעמיטישען פערדעל. ס'איז דעריבער צונויפגערופען געווארען א בעראטונג פון דער סאנאציע גרופע מיט די יודישע ראטמענער און ס'איז ענדליך געקומען צו א פערשטענדיגונג

וועגען שאפען א מעהרהייט

אויף א געמיינזאמער צוזאמענארבייט אין דער קאמער. די יודען איז אנערקענט געווארען די פאדערונג, אז זיי בעהאלטען דעם אמט פון וויצע-פרעזידענט פאר ה' קאזשימיערסקי און בעקומען נאך א פערוואלטונגס-מיטגליד, ה' סענדאוויסקי.

מיט דעם איז מען נעכטען געקומען צו דער פלענאר-זיצונג פון דער האנדווערקער-קאמער. די זיצונג איז בעשטימט געווארען אויף 5 א זייגער. אבער צו יענער צייט האבען די ענדעקעס, ווילענדיג נאך ראטעווען זייער פאזיציע, פערבעטען די סאנאציע-גרופע אויף א בעראטונג, וועלכע האט געדויערט איבער 2 שעה צייט. אויף דער דאזיגער בעראטונג האבען די ענדעקעס געווארענט פאר דער „יודישער געפאהר", געפרובט צו ווירקען אויף „די שוואכע" מיט פערשידענע מיטלען, ארויסגערוקט צעהנדליגער קאנצעפציעס, נאר נישט צו דערלאזען צו דער פלענאר-זיצונג. די יודישע ראטמענער זענען נישט גערופען געווארען צו די בעראטונגען.

ענדליך 7 א זייגער אווענד עפענט דער וויצע-פרעזידענט קאזשימיערסקי די זיצונג. אין זאל זענען פערהאן 20 ראטמענער, וואס זענען א קוואליפיצירטע מעהרהייט אויף אדורכצופיהרען די וואהלען. די ענדעקעס זענען אין זאל נישט אריינגעקומען. די זיצונג איז שוין געווען א גאנץ קורצע, אויפ'ן אמט פון פרעזידענט ווערט ארויסגערוקט די קאנדידאטור פון ראטמ. זאזשיצקי, וועלכער ווערט אויסגעוועהלט איינשטימיג.

די וואהלען פון א וויצע-פרעזידענט זענען נישט פארגעקומען, ווייל ס'איז געבליבען דער ה' קאזשימיערסקי. אין דער פערוואלטונג זענען געוועהלט געווארען די ראטמענער קאזלאווסקי, יארמיצקי און סענדאווסקי.

ביי די וואהלען פון א דירעקטאר ווערען ארויסגעשטעלט 3 קאנדידאטען: ד"ר גאשין, דעמבאווסקי און לוטראשינסקי. די ענדעקעס ווילענדיג מיט זייערע שטימען ווירקען, אז אלס דירעקטאר זאל געוועהלט ווערען זייערס א מענש, זענען אריין אין זאל און געשטימט פאר ה' לוטראשינסקי, ס'איז אבער געוועהלט געווארען דער קאנדידאט, וועלכער איז געשטיצט געווארען דורך דער סאנאציע-גרופע און יודען — ד"ר גאשין.

מיט דעם איז די זיצונג פערענדיגט געווארען.

די זיצונג האבען אויך ביי־געוואוינט די פערשטעהער פון דער וואיעוואדזטווע די ה"ה גאנשעראווסקי און מארקעוויטש.

טאג-נאטיצען

איינגעשלאפען א וויכטיגע איניציאטיוו

דאס איז געווען מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען דער שווערער קאטאסטראפאלער ווינטער האט זיך ערשט דערנעהנטערט, ווען אין לאנד אין אלגעמיין און אומעטום האט מען דערפיהלט, אז ס'קומט א זעהר שווערע צייט. א צייט פון הונגער און קעלט פאר פעראריטע און ארבייטסלאזע, אומעטום האט מען אנגעהויבען צו ארגאניזירען הילף, יעדענפאלס איז צו דעם געמאכט געווארען א פרוב.

פערשטעהט זיך, אז ס'איז געווען זעהר נאטירליך, ווען די יודישע קהלה אין לאדז האט א טראכט געטאן וועגען דעם, אז אויך די יודישע ארבייטסלאזע און בעוונדערס די אזוי טרעפליך אנגערופענע יודישע פרנסה'לאזע, זאלען נישט געלאזען ווער'ן אויף הפקר אין דער דאזיגער שרעקליכער צייט.

אויף איינע פון די פערוואלטונגס-זיצונגען פון דער לאדזער יודישער קהלה איז אנגענומען געווארען א פארשלאג פון דאזאר האפמאן, אז די קהלה זאל נעהמען אויף זיך די איניציאטיוו צוזופצורופען א גרויסע קאנפערענץ וועגען ארגאניזירען צוזאמען מיט דער קהלה הילף פאר די יודישע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען. ביז איצט איז אבער ווייטער נישט געגאנגען. דער ווינטער איז שוין דא, די ארימקייט איז נישט קלענער געווארען, נאר פיל גרעסער, שארפער און מורא'דיגער. יודישע קינדער הונגערן, געהען אהן שיך, ווערען געשוואלען פאר קעלט, ס'הונגערן יודישע ארבייטסלאזע, ס'ווייגען אין זייער איינזאמע שטובען בכבוד'ע פרנסה'לאזע. דער פארשלאג האט זיך נישט גערירט פון ארט.

קיין שום אויכרייד וועט דא נישט העלפען, נישט דאס, וואס ס'איז די איבערגאנגס-צייט פון איין פערוואלטונג צו א צווייטער און נישט דער מאנגעל אין געלד, האט די קהלה אין דער דאזיגער צווישען-צייט בעוויזען גרויסע ארבייטען אפצוטון, ווי אננעהמען נייע אנגעשטעלטע, אלטע איבערשיקען אויף עמעריטור, אויסארבייטען א בודזשעט און נאך און נאך.

מ'טאר נישט שפעטערן דערויף, אז די צייט לויפט דערווייל, די הילף איז אונגעהויער נויטיג, דער סימפאטישער פארשלאג מוז תיכף בעקומען א תיקון.

י. ד.

מיט א מעסער אין הארץ

(2) אויף פשענדזעלניאנא 107 זענען עטליכע אומבעקאנטע בעפאלען אדאם קיצרנעלט'ן און איהם דערלאנגט מיט א מעסער אין הארץ. די אנפאלער זענען אנטלאפען.

אפגעבריהט מיט הייסע יויך

(2) יאנינא שווייגע (ליפאווא 58) האט נעכטען אומגעקעהרט אויף זיך א טאפ קאכעדיגע יויך, פון וואס זי איז שווער אפגעבריהט געווארען.

נעכטיגע זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג

האט ערלעדיגט א רייה לויפענדע ענינים

(—) נעכטען איז פארגעקומען א קורצע זיצונג פון דער קהלה פערוואלטונג. נאכדעם ווי פרעזעס מינצבערג עפענט די זיצונג, פרעגט דאזאר האפמאן וואס ס'איז געווארען מיט'ן אנגענומענעם פארשלאג וועגען גרינדען א הילפס-קאמיטעט צו לינדערן די גרויסע נויט פון די יודישע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע אין דעם שווערען ווינטער.

פרעזעס מינצבערג ענטפערט דערויף, אז ער וועט זיך בעמיהען, אז די קוילען-פערטיילונג פון אלגעמיינעם הילפס-קאמיטעט פאר דער יודישער בעפעלקערונג, זאל פערטיילט ווערען דורך דער קהלה...

פון לאנדאן איז אנגעקומען א סכום אלטע מלבושים פאר ארימע. די פערטיילונג וועט פארקומען דורך דער סאציאלער הילפס-קאמיסיע.

די ווענדונג פון קליינהענדלער-פעראיין פאמארסקא 15 וועגען ארויסבארגען זיי א געוויסע סומע אויף אויסצוקויפען פאטענטען פאר ארימע קליינהענדלער איז אפגעווארפען געווארען.

די געזעלשאפט „ארט" האט זיך געווענדעט וועגען סובסידירען די נייע קורסען פון „ראדיא-טעכניק אין „ארט". די דאזיגע ווענדונג איז טיילווייז אנערקענט געווארען.

פרעזעס מינצבערג איז בעפולמעכטיגט געווארען זיך צו בעשעפטיגען מיט דער ווענדונג פון „נותן לחם" וועגען עפענען נאך א קוך פאר יודישע ארבייטסלאזע. „נותן לחם" פערלאנגט אויף דעם צוועק א געוויסע סומע אויף איינצוארדנען די קוך און צו דעקען איהר דעפיציט.

צום סוף האט די קהלה-פערוואלטונג אנגענומען די נדבה פון דער אלמנה בוימגאלד. וועלכע האט געשענקט דער קהלה דעם פלאץ מיט דער שוהל אויף זשוראוויע 4.

בענזין-אויפרייס אין דער וואוינונג פון געוו. רעג. קאמיסאר — איזשיצקי

(2) אין דער וואוינונג פון געוועזענעם לאדזער רעגירונג-קאמיסאר, און איצטיגער דירעקטאר פון דער פערזיכערונג-געזעלשאפט „פאטריא" — איזשיצקי (נאווראט 2) איז נעכטען פארגעקומען א טראגישער פארפאל.

א געוויסער וואצלאוו לעבעק, וועלכער האט זיך גראד געפונען אין איזשיצקיס וואוינונג, האט געוואלט אנצינדען א פרימוס-מאשין, און אנשטאט שפירט האט ער אנגעגאסען בענזין. ווי נאר ער האט צוגעשטעלט די זאפאלקע, האט די מאשינקע אויפגעריסען, און ל. איז אומגעכאפט געווארען פון די פלאמען. אויף זיין געשריי זענען אנגעלאפען די הויז מענשען און איינגעלאשען די פלאמען. ביי לעבעק'ן איז אפגעברענט געווארען ס'פנים און די הענד. אין א שווערן צושטאנד איז ער אפגעפירט געווארען אין שפיטאל פון דער קר. קאסע.

לאדזער יודישער קאמעראל-טעאטער
ארלעע 1-טער מאי 2.
דירעקציע: דוד צעלמייסטער

היינט, מאנטאג גאסטראלירט די טרופע אין ראדאמסק לטובת „לינת החולים"

מארגן דינסטאג צום 53-טען מאל די פיעסע, וואס האט געשלאגען דעם רעקארד אין לאדז

א הארץ, וואס בענקט

מיט בערטא זאסלאווסקא און לעאן געטליכערמאן
ווי אויך דאס 8-יאהריגע וואונדער-קינד לאלא אמזעל.

קריזיס-פרייזען! — כמעט בחנם! —

איינהייטס-פרייזען: — אלע פלעצער — 50 גר. און 1 זלאטי ערשטע רייה

קאלאסאלער ערפאלג! ענטציקונג און בעגייסטערונג! ריהרענד! שפאנענד! אנציהענד!
„א הארץ, וואס בענקט" איז דאס שענסטע און בעסטע, וואס מען האט ווען געזעהן אין יודישן טעאטער! אלע שטוינען! נוצט אויס די דאזיגע גינסטיגע געלעגנהייט!
איהר וועט בעשטימט האבען א סך פערגעניגען און דאס פאר עטליכע גראשען.

נור מארגען צום לעצטען מאל!

מיטוואך צום לעצטען מאל די סענסאציאנעלע און שפאנענדע פיעסע

„מישקע באסיאק"

— איינהייטס-פרייזען: — 50 גר. און 1 זל. ערשטע רייה

אכטונג! קירצליך הויבען זיך אן די גאסטשפילען פון לאדזער קאמעראל- און קליינקונסט-טעאטער „ארט"
קינסטלער. אנפ. מ. בראדערזאן. וואס? ווען?

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE

ZIELONA 6.

Telefon 12-333

tel. 12-333

tel. 12-333

ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פארפאלען צו יעדער צייט ביי טאג און ביי נאכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאלאגישע הילף.

דער נעכטיגער „גאָלדענער זונטאָג" אין לאָדז...

דער „רוק" ביי די שויפֿענסטער און די בית החברות־שטילקייט אין די קראָמען

נעכטען האָבען מיר געהאַט דעם „גאָלדענעם זונטאָג".

אַמאָליגע יאָהרען האָבען די לאָדזער סוחרים אַ יסגעקוקט אויף דעם „גאָלדענעם זונטאָג". דעם זונטאָג פֿאַר די חנאות פֿלעגען די לאָדזער סוחרים זיך צוגרייטען. קאָנפעקציאָנערען האָבען זיך געגרייט וואָכען־לאַנג, און אין דעם „גאָלדענעם זונטאָג" זענען די לאַגער'ס אין משך פֿון 6 שעה – פֿון 12 ביז 6 אָוועגד פּעריצוקערט געוואָרען. די געוועל־בער פֿלעגען זיך ברעכען פֿון קונים. מ'פֿלעגט קוי־פֿען מלבושים, שיך, גאַלאַנטעריע, וועש, מתנות פֿאַר קינדער און דערביי פֿלעגט מען נעמען גע־פֿעפֿערטע פּרייזען. דאָס איז געווען אַמאָל.

דער נעכטיגער „גאָלדענער זונטאָג" איז אויך געווען אַ לעבעדיגער. ס'איז געווען לעבעדיג... אויף די גאַסען, ביי די שויפֿענסטער זענען גע־שטאַנען מאַסען מענשען און האָבען בעוואונדערט דעם זאָל. די שויפֿענסטער זענען געווען אויסגע־שטעלט מיט מציאות. איין מציאה גרעסער פֿון דער צווייטער. דער עולם האָט גערן בעטראַכט די מציאות מיט די פּרייזען, וואָס האָבען גערייצט און אַריינגעצויגען אין געוועלב אַריין. ביי די אויסגע־פּוצטע, אויסגעצירטע שויפֿענסטער האָט מען זיך ממש געשלאָגען. יעדער האָט געוואָלט כאַפּען אַ בליק אויף די שיינע ווינטער־פּאַלטענס. אויף די גלאַנציגע לאַק־שיך אויף די געפּוצטע איבער־און אינטער־וועש. קראַוואַטען און קאָלנער. היטעל, קאָסמעטיק, פּומער און גאַלאַנטעריע – אַלץ בחצי חנם. פֿאַר די שויפֿענסטער איז געווען אַ געדראַנג און אין אינעווייניג? אין די קראָמען? – פּוסט. טויט — אַ פֿליג האָט זיך נישט בעריהרט, די קרע־מער האָבען געגעניצט, די אָנגעשטעלטע האָבען זיך געוואָרימט ביי די שאָמאָט אייוועלעך, און טאָ מער איז שוין יאָ איינער אַריינגעקומען איז עס געווען אַ יוד – נאָך אַ נדבה...

אויף די גאַסען איז געווען אַ שטאַרקע בע־וועגונג. פֿאַר די שויפֿענסטער זענען געשטאַנען מענשען מיט וויסטע לעגיטימאַציעס פֿון „פּופּ" און פֿון „זופּ" צודורכגעקוקט די מציאות און – אהיים־געגאַנגען מיט'ן בלויזען ביסעל קוקעניש...

— צו אַזעלכע „גאָלדענע" זונטאָגס, דאַרף מען האָבען אַנ'אייזען געדולד – האָט געזאָגט אַ יוד אויף נאָוואָמיעסקאַ גאַס, און מיט כעס אַראָפּ־געלאָזט די סאַלויזיעס...

— זשאַן —

שיסעריי פֿון אַ באַנדיט

2 געהיים־אַגענטען זענען פֿאַרוואונדעט געוואָרען.—איינער־געפֿעהרליך

(2) פּאָליציי זוכט שוין אַ לענגערע צייט אַרום דעם געפֿעהרליכען יונגען גנב סטאַניסלאַוו יאַנטשיק, (24 יאָהר אַלט) וועלכער האָט אַ ספּעצ־יאַליטעט צו בענוב'ענען קלויסטערס.

אַזוי האָט ער בע'גנב'עט קאָשטשאָלען אין רודאַ־פּאַביאַניץ, אַלעקסאַנדראָוו, טושין כאַיני, און אין לאָדז גופֿא דעם שוו. יוזעף־קלויסטער.

דער גנב יאַנטשיק האָט אָבער אַ מיאיס'ע טבע – ער לאָזט זיך בשום אופֿן נישט כאַפּען, אוי דרייט זיך שטענדיג אַרויס פֿון דער פּאָליציי'ס הענד.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, נעכטען אינ־דערפֿריה, 9 אַ זייגער זענען מיט דער טושינער גאַס געגאַנגען דער 23 יאָהריגער וולאַדיסלאַוו מאַ־ראַווסקי (באַליט זשעלאַנאַ 13) און דער 34־יאָה־ריגער פֿראַנציסשעק קוביק (אָקשעיא 21) – ביידע געהיים־אַגענטען, און ווי זיי גייען אַזוי, בעמערקען זיי צווישען עולם אַרומדרייען זיך דעם געזוכטען יאַנטשיק...

זיי האָבען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, און געוואָלט איהם אַרעסטירען.

דער „פֿויגעל־בחור". האָט זיך אָבער באַלד אָריענטירט, וואָס מ'קלייבט זיך מיט איהם טון, האָט ער אויך נישט לאַנג געטראַכט, נאָר אויך אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, און – באַך באַך – אוועקגעלייגט מאַראַווסקי'ן מיט אַנ'אַדורכגעשאָסע־נער ברוסט...

ס'איז געוואָרען גלייך אַ טומעל, אַ האַרמי־דער, און דער שיסער האָט זיך גענומען אַנט־לויפֿען.

דער צווייטער געהיים אַגענט, קוביק, איז אָבער נישט נתפעל געוואָרען, און איהם נאָכגעיאָגט. האָט יאַנטשיק דערזעהען, אז עס האַלט מיט איהם שמאָל, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ צווייטען רעוואָלווער און געשאָסען מיט דעם צווייטען אויך.

קוביק האָט נישט געשוויגען, און געענטפֿערט יאַנטשיק'ן מיט רעוואָלווער־קוילען.

וואָס איז אָבער די פּעולה, אז יאַנטשיק'ס אַ קויל האָט איהם אויך געטראָפֿען, און ער האָט איהם שוין מעהר נישט געקאָנט נאָכיאָגען.

דערווייל. הייסט עס, איז דער באַנדיט אַנטלאָפֿען, מאַראַווסקי'ן האָט מען אין אַ געפֿעהר־ליכען צושטאַנד אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל, קוביק'ן האָט מען אַ פֿערבאַנדאַזשירטען אָפּגעפֿיהרט אַ היים און דער גאַנצער אויספֿאָרשונגס־אַפּאַראַט איז אוועקגעשטעלט אויף די פֿיס, כדי צו כאַפּען קאַינטשי'ן.

פֿייערליכע פּאַז־איינווייהונג

פֿון דער שול־פֿאָן פֿון יוזעף אַב'ס פּרויוו־גימנאַזיום

נעכטען איז אין דער פֿילהאַרמאָניע פֿאָרגע־קומען די פֿייערליכע איינווייהונג פֿון דער פֿאָן פֿון יוזעף אַב'ס פּרויוו־גימנאַזיום.

צו דער פֿייערליכקייט איז געקומען אַ גרוי־סער עולם עלטערען פֿון די שילערינס און איינ־געלאַדענע געסט.

11 אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבען דער אָפֿיציעלער טייל פֿון איבערגעבען די פֿאָן צו די שילער.

נאָך דער רעדע פֿון דיר. קאַיראַנסקי, דעם מאַרש פֿון די שילערינס, און דעם כאָר־געזאַנג א. נ. „מיר האָבען שוין אַנ'אייגענע פֿאָן", ווערט געגעבען דער צווייטער קאָנצערט־טייל, אין וועל־כען די שילערינס פּרעזענטירען די באמת שיינע, עסטעטישע ערציהונג, וואָס זיי בעקומען אין דעם גימנאַזיום.

סיי די געזאַנגס נומערען, סיי די סאָלאָ אויפֿ־טריטען פֿון די עלטערע שילערינס (קלאַוויר), סיי די אויסגעצייכענט־דורכגעפֿיהרטע כאָראַל־דעקלאַ־מאַציע (מיצקעוויטשעס „אָדע צו דער יוגענד") רופֿען אַרויס בעגייסטערונג ביי די אַנוועזענדע עלטערען און געסט.

די איספּאָזאַנטע פֿייערליכקייט פֿערענדיגט זיך מיט דעם באמת־הערליכען מיירעל־טאַנץ פֿון די צושטראַהלטע און אויפֿגעבליהטע 15־17־יעה־ריגע, און מיט די פּרעכטיגע גימנאַסטישע פּיראַ־מידען פֿון די יונגערע און עלטערע קלאַסען.

אין דער נעכטיגער פֿייערליכקייט האָט זיך אַב'ס גימנאַזיום פֿעררעקאָמענדירט פֿאַר אייוער פֿון די קולטורעלסטע און מאָדערנסטע ערציהונגס־אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָט, און דאָס האָ בוין מיר צו פֿערדאַנקען דער מיהפֿולער און אי־דעאַלער אַרבייט פֿון אַזאַ פֿיינפֿיהלענדען אַלטען פּעדאַגאָג, ווי עס איז דער ה' יוזעף אַב, און זיין ערשט־קלאַסיגער פֿאַכמענישער לעהרער־פּער־סאָנאַל.

צובראָכענע הענד און פֿיס

ביים שליטלען און גליטשען אויפ'ן אייז

(2) נעכטען זענען פֿערנאָטירט געוואָרען פֿיל פֿאַלען, וואו דערוואַקסענע מענשען זענען פֿערוואונדעט געוואָרען ביים שליטלען זיך.

אויף מלינאַרסקאַ 33. איז אַ געוויסער יאַ־ראָך בעת'ן שליטלען זיך אַראָפּגעפֿאַלען פֿון שלי־טען און צובראָכען די רעכטע האַנד.

(א) אויף וואָלאָווא גאַס (כאַיני) איז די 17־יעהריגע יוזעפֿאַ שיקאָרסקאַ אַראָפּגעפֿאַלען פֿון אַ שליטעלע. זי האָט צובראָכען אַ האַנד און צו־קאַלעטשעט דעם קאָפּ.

אויף פּיאָטקאָווסקאַ גאַס איז דער 24 יעה־ריגער סטאַניסלאַוו מיכאַלאָווסקי און דער 20־יעה־ריגער יאַזשי קראַזוועק אַראָפּגעפֿאַלען פֿון אַ שלי־טען אין אַ גרוב אַריין. ביידע האָבען בעקומען וואונדען אויפ'ן גאַנצען קערפּער.

אויפ'ן טייך, אַבּיוואַטעלסקאַ 64, האָט דער 16 יעהריגער סטאַניסלאַוו היעראָנימיאַק בעת גליטשען זיך צובראָכען אַ פֿוס. אין אַ שווערען צושטאַנד איז ער אָפּגעפֿיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

יודיש טעאַטער אין „פֿילהאַרמאָניע"

דירעקציע: ד. צעלמייסטער און א. בעזמאַן.

לעצטע געזאַנגענגס־פֿאָרשטעלונגען! רעגינאַ צוקער געזעגענט זיך מיט לאָדז!

היינט, מאָנטאָג, 9 אָוועגד—אַ אומזיסטע מתנה דעם לאָדזער פּובליקום—איינהייטס־פּרייזען: אַלע אין פּאַרטער נור 1 זל. באַלקאָן און גאַלעריע—50 גראָשן

דאָס קינד — פֿון דער גאַס

אָפּערעטע אין 3 גרויסע אַקטען מיט פֿיל הומאָר און 20 נומערן געזאַנג און טענץ, מיט רעגינאַ צוקער אין איהר סוקצעס־ראָל.

די אָפּערעטע „דאָס קינד פֿון דער גאַס" איז איינע פֿון די שענסטע, בעסטע, פֿיינסטע, עלעגאַנטסטע, מוזי־קאַלישסטע און הומאָריסטישסטע אָפּערעטע, וואָס רופֿט אַרויס ענטציקונג און בעגייסטערונג. יעדעס לידעל, יעדער קופּלעט, יעדער טאַנץ איז אַזוינס און אַזעלכעס, פֿון די וויצען און קאָמישע סיטואַציאָנס־סצענעס קאַלטערט מען זיך פֿון געלעכטער. אין דער אָפּערעטע „דאָס קינד פֿון דער גאַס" האָט רעגינאַ צוקער די געלעגענהייט זיך צו בעווייזען אין איהר פֿולען גלאַנץ פֿון איהר טעמפּעראַמענטפֿולען און בריליאַנטען טאַלאַנט. זי זינגט! זי טאַנצט! זי שפּילט פּרעכטיג! זי ברענגט אַ וועלט! דאָס איז צימבאַליסט'ס שענסטע אָפּערעטע, וואָס וועט לאַנג בלייבען אין זכרון ביים לאָדזער טעאַטער־עולם. כדי צו געבען די מעגליכקייט אַלע שיכטען פֿון פֿאָלק זאָלען קאָנען קומען זיך געזעגענען מיט זייער ליבלינג רעגינאַ צוקער, גיט די דירעקציע היינט כמעט אַ אומזיסטע פֿאָרשטעלונג, אַזוי דאָס יעדער איינער זאָל זיך קאָנען פֿערגינען צו געניסען אַ פֿרעהליכען אָוועגד און פֿערברענגען 3 שעה און הערען די שענסטע און האַרציגסטע נגונים און זיך מאַרציג אויסלאַכען און פֿערגעסען אין אַלע זאָרגען, קריזיס און דאגות פּרנסה.

א סך פֿערגעניגען פֿאַר עטליכע גראָשן. אַלע בילעטען 1 זל. און 50 גר. נוצט אויס די היינטיגע גינסטיגע געלעגענהייט! ביליגער ווי אין קינאָ!

דינסטאָג, דעם 29. דעצ. קומט פֿאָר אין פֿילהאַרמאָניע דער 30־יעהריגער יוביליי־אָוועגד פֿון פֿיאַנער־אַרטיסט דוד אַריעל. וואָס גרויסע איבעראַשונגען! עס קומען ספּעציעל די בעסטע אַרטיסטען פֿון גאַנץ פּוילען. לעזט די ווייטערדיגע אַנאָנסען.

די טעג הויבען זיך אָן די גאַסט־שפּילן פֿון די בערימטע אַרטיסטן שושנה מאַרים און לאַמפּע אין לאַזאַר קאַהאַנ'ס סענסאַציאָנעלע פּיעסע „די 10 פֿון פּאַוויאַק" צו וועלכער עס ווערט שוין געמאַכט גרויס פֿאָרברייטונג אין פֿילהאַרמאָניע

ר. איזראַעל.

פּערעלע

א סענסאַציאָנעל־ראָמאַן פֿון דער לאָדזער ווירקליכקייט

:50

— איך וואָלט איך זעה־ געוואָלט העלפֿען, פֿרייליין האַלפּערן. זאָגט מיר וואָס איך זאָל טון פֿאַר אייך. אין די גרענצען פֿון מיין מעגליכקייט און אַלץ וועט באַלד ערפֿילט ווערען.

— איך דאַנק אייך, גאַנסקי, פֿאַר אייער גוט־האַרציגקייט. איך בין פֿולשטענדיג גלייכגילטיג צו דעם, וואָס די געהיים־אַגענטען טוען ביי מיר אין שטוב. זאָגט מיר נאָר, ווען איז ראָזענטאַל אַוועק־געפֿאָהרען קיין דאַנציג?

— ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק.

— אָבער ס'איז דאָך נישט קיין שעה, ווי ראָ־זענטאַל איז געווען דאָ אין שטוב.

— ווער, ראָזענטאַל איז דאָ געווען ביי איך אין שטוב?

— יאָ ער איז דאָ געווען און מיט מיר גערעדט וועגען מאַנקאָ אין דער קאַסע...

דערווייל האָט זיך די רעוויזיע געענדיגט, פּע־רעלע האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס די געהיים־טען האָבען געזוכט, לעאָן האָט זיך איינגעצען אָפּגע זאָגט צו פֿערשטעהן, וואָס דאָ קומט פֿאָר. נאָך דער רעוויזיע האָט זיך איינער פֿון די געהיים־אַגענטען געווענדט צו פּערעלען:

— מיר האָבען ביי דער רעוויזיע גאָרנישט געפֿינען אַזעלכעס וואָס זאָל נויטיג זיין צו אונזער צוועק. איצט וויל איך אייך פֿרעגען, צי האָט איהר נישט ביי זיך, אָדער ערגעץ בעהאַלטען ווערט־פּאַפּיירען, אַקציעס, אָדער מזומן געלד.

— יאָ, איך האָב האָט פּערעלע איראָניש גע־ענטפֿערט, איך האָב זעהר פֿיל געלד ביי זיך, אַ סומע פֿון צוויי זלאָטעס מיט זעקס און דרייסיג גראָ־שען. אויב איך וויל זיין גאַנץ גענוי.

— איך בעט מיך נישט צו איראָניזירען, מיר זענען דאָ אַמטליכע פּערזאָנען, אויב איהר וועט אונז נישט ענטפֿערען העפֿליך אַזוי ווי מיר ווענדען זיך צו אייך, וועל איך ליידער געצוואונגען זיין צו הייסען ביי אייך אַדורכפֿיהרען אַ פּערזענליכע רע־וויזיע, און דאָס דוכט זיך מיר וועט נישט זיין אַזוי שטאַרק אַנגענעהם פֿאַר אייך.

פּערעלע האָט זיך ערשט איצט אָריענטירט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע זי געפֿינט זיך. זי האָט אַ ציטער געטון נאָר אויפ'ן געדאַנק אַז עפּעס אַ פֿרעמ־דער מאַנספּערשוין זאָל זי פּערזענליך רעווידירען. זי האָט זיך גענוג אָנגעהערט וועגען דעם, ווי אַזוי די דאָזיגע רעוויזיעס קומען פֿאָר. דאָס ער־שטע מאָל זייט זי געדענקט האָט זי זיך שטאַרק צוּוויינט און געזאָגט:

— וואָס ווילט איהר פֿון מיר, איך ווייס פֿון גאָרנישט צו זאָגען, איך ווייס נישט וועגען קיין ווערט־פּאַפּירען, וועגען קיין אַקציעס און וועגען קיין געלד...

לעאָן איז צוגעגאַנגען צו פּערעלען, כדי זי צו בערוהיגען, גאַנסקי האָט עפּעס איינגערוימט דעם אַנפֿיהרער פֿון דער רעוויזיע, אויף וואָס יענער האָט געענטפֿערט:

— מיר מוזען טוען אונזער זאַך, מיר זענען נישט צו אייער דיספּאָזיציע, נאָר צו דער דיספּאָזי־ציע פֿון דער מאַכט, וועלכע האָט אונז דאָ אַהער־געשיקט.

— איך האָב גאָרנישט, איך גיב אייך דערויף מיין וואָרט, האָט פּערעלע שוין פֿול מיט שרעק גע־זאָגט.

גלויבען מיר אייך, און מיר וועלען אייך איצט פּערזענליך נישט רעווידירען.

איינער פֿון די געהיים־אַגענטען האָט זיך בע־קוועם אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַ בראָטאָקאָל פֿון דער רעוויזיע, נאָכ'ן פֿערענדיגען דעם פּראָטאָ־קאָל האָט ער געהייסען אַז אַלע די וואָס זענען אַנוועזענד געווען אין שטוב זאָלען דעם פּראָטאָקאָל אונטערשרייבען און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו פּערעלען:

— זייט אַזוי גוט און קומט מיט אונז.

— וואוהין זאָל איך געהען מיט אייך? האָט פּערעלע געפֿרעגט נישט פֿערשטעהענדיג די פֿראַגע.

— מיט אונז אין אויספֿאָרשונגס־אַמט, מיר האָבען אַ בעפֿעהל אייך צו אַרעסטירען.

— מיך אַרעסטירען? ווער האָט דאָס געהייסען, ווער האָט אַזעלכע בעפֿעהלען אַרויסגעגעבען?

— מיין מאַכט, האָט דער אַגענט רוהיג געענט־פֿערט.

אַלע זענען שטיל געבליבען, קיינער האָט נישט געקענט פֿאַר איבעראַשונג רעדען. פּערעל איז אָ־הער שנעל געקומען צו זיך, איז צוגעגאַנגען נאָ־הענט צו גאַנסקין איהם אַריינגעקוקט זיין די אוי־גען און שטרענג געזאָגט:

— פֿאַרוואָס שווייגט איהר היינט פּראָקורענט גאַנסקי? דאָס זענט איהר דאָך צוגעקומען מיט דער פּאָליציי מיך צו אַרעסטירען, פֿאַרוואָס רופֿט איך זיך נישט אָן מיט קיין איינציג וואָרט? איך האָב דעם איינדרוק, אַז ראָזענטאַל ווייסט גאָרנישט וועגען דער גאַנצער געשיכטע, דעהט אויס, אַז איהר זענט דער מחבר פֿון דער גאַנצער אַוואַנטורע. פֿאַרוואָס זאָגט איהר גאָרנישט! זענט איהר מיך טאַקע חושד אין גנבענען 100 טויזענד זלאָטעס פֿון דער באַנק־קאַסע?

גאַנסקי האָט זיך אינגאַנצען פֿערלוירען.

— איך שווער אייך, האָט ער געשטאַמעלט, אַז איך בין איבערצייגט אין אייער אונשולד, איך האָב נישט געהאַט דעם מינדעסטען חשד אויף אייך מיר איז נישט איינגעפֿאַלען צו מעלדען דער פּאָ־ליציי, נאָר איך האָב אויסגעפֿיהרט דעם בעפֿעהל פֿון ראָזענטאַלען צו מיר, אַז איך זאָל תיכף וועגען דער גאַנצער געשיכטע מיטטיילען דער פּאָליציי, ווייל איהר גרייט זיך אַוועקצופֿאָהרען, איך האָב נאָך געוואָלט איבעררעדען אַז ער זאָל ענדערען זיין פֿעראָרדנונג, אַז ער זאָל נאָך וואַרטען, אַז ס'איז אונמעגליך, אַז איהר זאָלט אין עפּעס שולדיג זיין, אָבער ליידער האָב איך שוין נישט געקענט רע־דען מיט איהם, ווייל ער איז שוין געווען זיך אַוועק־געפֿאָהרען פֿון לאָדז און איז שוין געווען אויפ'ן וועג קיין דאַנציג. פֿרייליין האַלפּערן, גלויבט מיר, אַז איך בין אין גאָרנישט שולדיג.

און כדי דאָס צו בעווייזען, האָט גאַנסקי אַרויס גענומען אַ בריף, פֿון וועלכען פּערעלע האָט זיך אי־בערצייגט אַז טאַקע ראָזענטאַל האָט בעפֿוילען גאַנ־סקין איבערצוגעבען דעם ענין דער פּאָליציי.

דערווייל ביי דעם דאָזיגען געשפּרעך איז צו דעם אָנפֿיהרער פֿון דער רעוויזיע צוגעגאַנגען איינער פֿון די אַגענטען און עפּעס איהם איינגערוימט אין אויער, יענער האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אָרט, זיך צוגעגאַנגען צו דער שאַנק און פֿון דאָרט אַרויסגע־נומען עפּעס אַ קליין קעסטעלע איינגעפּאַקט אין דיק ברוין פּאַפּיר. (פֿאָרזעצונג קומט).

דער אנטיסעמיט „באוויעט" זיך מיט יודען

א מעשה, ווי אזוי א שונא-ישראל איז פערדרעהט געווארען אין משך פון דריי שעה

הערט, יודען א מעשה שהיה, אן׳אמת׳ע מעשה ווי אזוי יודען האבען בעארבייט א פערביסענעם אנ־טיסעמיט, און ווי אזוי דער שונא ישראל איז אין משך פון דריי שעה פערדרעהט געווארען.

די מעשה, וואס מיר ווילען אייך דערצעהלען הייבט זיך אן אויף דער באהן־סטאציע אין ווארשא און ענדיגט זיך ביים... בופעט אויפ׳ן לאדזער וואק־זאל.

— ווארשא.

דער צוג שטעהט אויף דער סטאציע, צעהן מי־נוט פאר׳ן אפגעהן. אין א וואגאן דריטע קלאס, זיצט צופלעגט אנ׳עלעגאנטער הער מיט א פעריסען בזועל, מיט שארפע גרויע אויגען, זיצט ער איינער אליין מיט א פאק צייטונגען, א „גאזעטא ווארשאווסקא", א „קורייער ווארשאווסקי" און „א. ב. צ." אפילו די ענדעקישע „זשולטא מוכא", האט אויך נישט גע־פעהלט. ער איז צופרידען וואס ער זיצט אליין אין וואגאן אהן איין זשיד.

איז דעם ש לאכטשיך אויפגעלייגט געווארען אן אומגליק, עפענט זיך די טיר פון דעם וואגאן, און עס קומט אריין א בעקאנטער לאדזער יודישער זשורנאליסט. זעהט דער זשורנאליסט דעם „יאשניע ווישלמאזשני" מיט׳ן פערריסענעם נזועל, „דא גורי" געהט עס איהם נישט איבער׳ן לב, ער זאל דעם „כראביע" לאזען בעקומען אזא רחבות, די ענדע־קישע צייטונגען זעגען איהם אויך נישט שטארק צום הארצען, וואס טוט דער זשורנאליסט? זעצט ער זיך אוועק פונקט אקעגען איבער דעם חברה־מאן מיט׳ן „דא גורי"־נזועל, נעהמט ארויס א פעקעל יודישע צייטונגען.

דערזעהט דע ר „סוחר" אט א די „זשארגאנאווע" בלעטער, צוזאמען מיט דעם „סאנשאד" „מיט דער יודישער נאז, נעהמט ער זיך ווארפען ווי אין א קדחת. די אויגען שפרינגען. ס׳נזועל געהט נאך מעהר „דא גורי". ער דרעהט זיך ווי א ווארים. ער מור־מעלט אונטער דער נאז. פרובט זיך פערשטעלען די אויגען מיט דער „גאזעטא ווארשאווסקא", ס׳זאל איהם נישט „ראזשען" די „זשארגאנאווקע", מיט יודישער נאז.

דער יודישער זשורנאליסט בעמערקט דאס, און האט דערפון א שטארקע הנאה — זאל עס איהם קרענקען, זאל ער סטענקען. איך בעצאהל פאר מיין באהן־בילעט פונקט אזוי ווי ער — האט זיך דער זשורנאליסט געטראכט, און אויב ס׳שטעכט א יודישע נאז, טא זאל ער פלאצען!

— ביוך, מענדעל, גרונם, מאקס, הערשעל, לעאן, פיוועלע, זיגמונד — דאס האט א יוד געדר־פען זיינע חברים. ער האט געזעהען א לעדיגען וואג־גאן, האט ער זיי גערופען אין דעם לעדיגען וואגאן אריין.

אין וואגאן ווערט לעבעדיג, ליהודים, יודען מיט קאפעלושען און פעלצען, — סוחרים, מיט פעק לעך און טשעמאדאנעס, מ׳צעלעגט די פעקלעך, מ׳ טוט זיך אויס די פעלצען, א לעבעדיגע חברה. אין איין מינוט זיצען זיי שוין נעבען זיי, ד. ה. נעבען דעם זשורנאליסט און דער מיט׳ן פערריסענעם בזועל, זיצט שוין אין דערמיט.

אז דער גרוי־אויגענדיגער „גאזעטא־ווארשאוו סקי"־לייענער האט דערזעהען די ברוך׳ס מיט די מענדעל׳ס מיט די גרונם׳ס איז איהם פינסטער גע־ווארען פאר די אויגען, ער האט אפילו א קוק־געטון צו זיין באגאזש, ווי ער וואלט געוואלט מאכען פיס. ער האט זיך איבערגעלעגט ס׳געשעפט און איז גע־בליבען מיט די זשידעס.

— רוקט דיך אביסעל — האט איינער גענומען שטופען דעם צווייטען, האט מען זיך גענומען רוקען, איינער פון רעכטס, און דער צווייטער פון לינקס, און דאס „נזועל" אין דער מיט...

— „פשעפראשאם" — האט ער מיט כעס גע־זאגט.

— פשעפראשאם איז א לאקשענברעט — האט איינער פון דער חברה איהם גלייך אפגעענטפערט. און דא האט די חברה אנגעהויבען שיטען מיט וויצען און גלייכווערטלעך, און דאס חצי יודיש און חצי פויליש, און אויף דעם „פאן׳ס" חשבון.

אין אנפאנג איז ער געזעסען שטייף ווי ער וואלט אראפגעשלינגען א שטעקען, שפעטער האט מען בעמערקט, אז די כמארע אויף זיין פנים הייבט זיך אן אויסצולייטערן, נאך יעדען וויץ האט ער געמאכט א גרימאסע, אויסגעדרעהט דאס פנים צו דער וואנד, און א שמייכעל געטון.

— מ׳דארף דעם „שררה" בעהמען אין דער וועש אריין — האט איינער געזאגט. חברה האט איהם גענומען אין דער ארבייט אריין, און דער שררה וואט א שמייכעל־געטון.

— חברה — האט א צווייטער א זאג־געטון,— לאמיר מאכען א קערטעל.

אין א מינוט ארום, האבען זיי פערלעגט א פאל טען פון איין קניה אויף דער צווייטער, א צווייטער האט ארויסגענומען א „תהילים׳ל" און מ׳האט אויס־געווארפען „פירשע", אזוי ווי זיי האבען נישט גע האט קיין קליינגעלד, האבען זיי ארויסגענומען א שעכטעלע זאפאלקעס און געמאכט „טשופקעס". א זאפאלקע איז צעהן גראשען און מ׳האט גענומען „עוסק" „זיין אין „אויבער־אייכעל".

אין אנפאנג האט זיך דער שררה מיט׳ן פער־ריסענעם נזועל געהאלטען אין רעזערוו צום שפיל. איינציגוויין... איינציגוויין... און ער האט געכאפט א בליק אין די קארטען אריין, איינציגוויין האט ער אנגעהויבע זאגען זיין „זדאניעס": „אידוש פאן ז׳קרולעם"..

— ביזט א שוטה — האט איהם דער יוד געענטפערט.

„מאוו פאן טשערדזשעסטקע" — האט ער ווי־דער זיין שכן געצעה׳ט־

—האסט א גוי׳עשען קאפ — האט איהם דער יוד געענטפערט, און ער האט געשמייכעלט.

ס׳האט נישט לאנג געדויערט, און דער פריץ האט אליין גענומען א „האנד", ער איז געזעסען אין דערמיט קרענצעל, חברה האט איהם געגעבען פאר צעהן זלאטעס — זאפאלקעס. ער האט כסדר איינגע־שטעלט און כסדר געמאכט „בייטען".

— אי, איז דער פריץ א געבראטענער יאלד— האט איינער צו איהם געזאגט חצי יודיש און חצי פויליש — און ער האט געלאכט.

ער מאכט ווידער א „בייט", דער עולם קייכט פון געלעכטער, און דער שררה מיט׳ן פערריסענעם נזועל האלט זיך פאר די זייטען.

ער מאכט א „גרויסען בייט", ס׳פעהלט איהם שוין אויס זאפאלקעס, ער „קויפט" נאך פאר פינף זלאטעס זאפאלקעס.

— א, האט דער פריץ, א חמור־קאפ — זאגט צו איהם איינער פון דער חברה. דער פריץ איז אין דיפער ברען. חברה שיטען ווערטלעך און ער האלט זיך ביי די זייטע ופון לאכען, די „גאזעטא ווארשאווסקא" מיט דער „זשולטא מוכא" ליגען אונ טער דער באנק צוטרעטענע און ער „באוויעט" זיך מיט די זשידקעס.

לאדז.

דער עולם כאפט די רענצלעך. דער שררה מיט׳ן פערריסענעם נזועל לויפט דער ערשטער צו דער טיר. און וויל ארויסגעהען פון וואגאן

— „האלא! האלא! ניע לעטש פאן!" — האט איהם די חברה פערשטעלט דעם ארויסגאנג.

— „ב אצא שען סאטלא"? — האט זיך דער פערשוין דערשראקען.

— איהר וועט איצט אליין נישט געהען — האבען זיי איהם ערקלערט, ביי אונז איז א מנהג, אז געווינען קארטען־געלד מוז „פערצעהרט" ווערען. אזוי ווי דער „פאן" האט פערשפילט פופצעהן זלאטעס וועט מען פאר דעם געלד בעהמען טאקסובקעס און דעם גאנצען עולם אפשטעלען יעדען בעזונדער אהיים.

— „צא טא יעסט זא באריוד!" — האט זיך דער שררה נישט געקענט אויסחידוש׳ן. נישט בחנם איז ביי אייך אזא „יעדנאשטש", אז איהר ווילט איינער דעם אנדערען נישט „קשיוודזשען". טאך מער האט איינע ר פערשפילט, מוז עס פערצעהרט ווערען — טראז ראזומיעם"!...

— „וויעטשע צא פאנאוויע" — איז דער „גאזע־טא ווארשאווסקא"־לייענער געווארען גרויסמוטיג— „מושימי וויפיטש נא ברודערשאפט! איך בין — האט ער געזאגט א פערביסענער אנטיסעמיט, א יוד איז מיר א שפין אין די אויגען, „יא איך ביע נאר ווידזען". איך קויף נישט ביי קיין יוד און האנדעל נישט מיט קיין יוד. איינס מוז מען אייך זאגען — יעסטעשטשע נאריוד!... די דרשה האט ער געהאל־טען ביז צום בופעט פון וואקזאל.

— „נא זדראוויע!" — האט דער שררה דער ערשטער גענומען ס׳גלעזעל.

— לחיים! — האבען אלע געענטפערט.

— „גא זדראוויע!" — האט ער געהייסען אנ־גיסען א צווייטע „קאליע", מ׳האט זיך געדרוקט די הענד". ער האט „גע׳דזשענקאיעט" פאר דער „מי־לע טאוואזשיסטווא" בעצאהלט פאר דער פונדע, און דער עולם האט זיך געלאזט ארויס אויף דער גאס. איינער פון דער חברה דער געווינענער האט גענומען צוויי טאקסובקעס. און יעדען אפגעפיהרט אהיים.

פאר׳ן ארייגגעהען אין דער טאקסובקע האט דער שררה מיט׳ן פעריסענעם נזועל, דער „גאזעטא ווארשאווסקא"־לייענער געשאקעלט מיט׳ן קאפ — — „טא יעסט נארוד!"...

י. אב—נעס.

שטיצע פאר ארבייטסלאזע

(—) שטיצע פאר ארבייטסלאזע פאר׳ן חודש דעצעמבער וועט ווערען אויסגעצאהלט:

מאנטאג, דעם 21 דעצעמבער די אותיות:

פון A ביז J

דינסטאג, דעם 22 דעצעמבער די אותיות:

פון K ביז P

מיטוואך, דעם 23 דעצעמבער די אותיות:

פון R ביז Z

דער אפצייכנונגס-טאג

פאר׳ן ארבייטענדען ארץ-ישראל

דער אפצייכנונגס-טאג לטובת דער ליגע פאר׳ן ארבייטענדען ארץ ישראל וועלכער קומט פאר מיטוואך, דעם 23 ד. ח., האט ארויסגערופען אין די קרייזען פון די ציוניסטישע ארבייטער-פאר־טייען און חלוצישע יוגענד-ארגאניזאציעס א פער־שטענדליכען אפקלאנג.

היינט, 8 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער ליגע (שענקעוויטשא 5–3) אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון די זאמלער.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) פאטאש (פל. קאשטשעלני 10) כארעמוא (פאמארסקא 12) מילער (פיעטריק. 46) עפשטיין (פיטרק. 225) גארטשיצקי (פשעיאזד 59) אנטא־ניאוויטש (פאביאניצקא 50).

געגאנגען פון דער שענק און צעבראכען א האנד

(2) הוגא פרייער (מארישינסקא 24) איז נעכטען אהיימגעגאנגען אביסעל בגילופן׳דיג. צוליב וואס ער האט זיך אומגעגליטשט און צעבראכען א האנד.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורגא־לאנישע און נערווען-קראנקהייטען.

קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט ראסטעטיק.

-- טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. --

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.

נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 3 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

- בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. -

וויזיט 3 זל.

דער סקערנעוויצער רבי אין לאדז

דער סקערניעוויצער רבי איז געקומען קיין לאדז און שטעהט איין ביי דאזאר יוסף פארבשטיין אויף וושכודניע 25.

קינד אראפגעפאלען פון די טרעפען און צעבראכען א ביין

(2) אויף עמיליא 42 האבען זיך קינדער געשפילט אויף די טרעפען. דערביי איז איין קינד יאנעק קלוסעק אראפ עפאלען פון די טרעפען. ביים קינד איז צעבראכען געווארען א ביין און דער קאפ.

„10 פון פאוויאק"

ווערט איינגיכען אויפגעפירט אין לאדזער יודישען טעאטער

רעזש. לאזאר קאהאן האט אנגעשריבען א פיעסע „10 פון פאוויאק".

אין דאזיגען שטיק ווערט סצעניש געשיל־דערט דער בעקאנטער היסטארישער עפיזאד ווענען ארויסגעבענען 10 רעוואלוציאנערן פון „פאוויאק".

די דאזיגע געשיכטע האט פאר׳ן אויטאר געדינט בלויז אלס קאנווע, אויף וועלכער ער האט אויסגעוועבט א סצענישע שטיק פון א רעוואלוציא־נערען ראמאנטישען אינהאלט. די הויפט-מעלות פון דער פיעסע זענען: די דינאמישע שטייגערונג, די לעבעדיגע דראמאטישע אקציע, די קאמישע סצענעס און די שעהנע רעוואלוציאנערע נגונים.

די פיעסע האלט 7 בילדער מיט אנ׳עפילאג.

„10 פון פאוויאק" ווערט איינגיכען אויפגע־פיהרט אין לאדזער יודישען טעאטער פילהארמא־ניע. רעזשיסירען וועט דאס שטיק דער ארטיסט מאריס לאמפע, וועלכער וועט אויך שפילען די הויפט-ראלע. אין דער פיעסע וועט זיך אויך בע־טייליגען אין איינער פון די הויפט-ראלען די שוישפילערין פרוי שושנה.

DR. MED. J. LUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פאלודניאווא 9, טעל. 183-17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פראצאווניע פון זעמאליכע ארטאפעדישע אפאראטען ווי: וקלאדקעס אויף פלאטפוזען, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.

נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט־קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.

זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.

בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

וועגען וואס יעדע לאדזשעריז און יעדער לאדזשער מוז וויסען

מיט שנעלע טריט דערנעהנטערן זיך די יום טובים פון וויינאכטען און ניי-יאהר. אין דער צייט בעמיהט זיך אפילו דער ארימסטער מענש צו דערפרעהען זיינע נאהענטע מיט עפעס א וויינאכטס-געשאנק אדער צו פייערן דעם יום-טוב ווי געהעריג. בעת דער איצטיגער קריזיס-צייט איז די פליכט פון יעדען איינציגען לאדזער און לאדזערין צו מאכען זייערע פאר-יום-טוב-איינקויפען ווי אמ־ביליגסטען און אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען.

די דירעקציע פון איינציגען אין אונזער שטאט ווארען-הויז – קאנסום ביי דער ווידזעווער מאנו־פאקטור, ראקיטשינער 54, נעהמענדיג אין בעטראכט די איצטיגע שווערע צייט, האט פערקלענערט אויף די קומענדע יום-טובים די פרייזען פון קאלאניאל־ווארען, הערן, דאמען און קינדער-קאנפעקציע, גאלאנטעריע-סחורות א. ז. וו. מיט 50 פראצענט. הויפטזעכליך איז א פראקטישער וויינאכטס־געשאנק רעשטלעך און בראק פון די אויסארביי־טונגען פון דער ווידזעווער מאנופאקטור, וואס עס פערקויפט אויסשליסליך דער קאנסום צו בענויע פאבריקס-פרייזען. אלזא אין אייגענעם אינטערעס אהן אויסנאהם לאדזער און לאדזערינס מאכען זייערע פאר-יום-טוב איינקויפען נאר אין קאנסום ביי דער ווידז. מאנופאקטור, ראקיטשינער 54 צופאהר מיט טראמוואיען 10 און 16.

פערוואונדעט דורך אנ׳אויטא

(א) אנ׳אויטא האט אויף גלובנע 53 פער־וואונדעט אין קאפ און אין האנד דעם 12 יאהרי־גען משהלע בערמאן (גלובנע 47).

פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט ערשטע הילף, דער שאפער איז צוגעצויגען געווארען צו פעראנטווארטליכקייט.

דער „ארט" הויבט אן צו שפילען אין לאדז

עס ווערן שוין פעדענדיגט די הכנות צו דער 24-טער פרעמיערע

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, הויבט אן גאר בקרוב צו שפילען דער „ארט", וועלכער האט זיך צוריקגעקעהרט פון אנ׳ערפאלגרייכען טורנע איבער׳ן לאנד.

נאכ׳ן בעזוכען ווארשא און א ריי גרעסערע און קלענערע שטעט (אנ׳ערך 80) וועט דער „ארט" ווידער שפילען – אבער דאס מאל א קורצע צייט – אין זיין היים-שטאט לאדז, וואו ער וועט זיך פרעזענטירען אין א פולשטענדיג-נייעם פראגראם, דעם 24-טען לויט דער רייה.

דאס איז דער פינפטער יאהר, וואס דער „ארט" שפילט, אהן איבעררייס, און זיין היי־יאה־ריגען סעזאן איז א יובילעי סעזאן, און דער קומ־מענדער 25-טער פראגראם וועט זיין א יובילעאום־פראגראם.

דער „ארט" וועט אלזא הייאהר פייערן א דאפעלטען יובל.

דערווייל ווערען פערענדיגט די צוגרייטונגען צו דער 24-טער פרעמיערע.

נארא נעי אין „קאקטייל"

נאך דער רעארגאניזאציע, וואס איז די לעצטע טעג אדורכגעפיהרט געווארען אין דעם סימפאטישען טעאטערל „קאקטייל". ווערט פון דער וואך, ד. ה. אין די חנוכה, צוריק געעפענט מיט א פרעכטיגער פרעמיערע.

די גרעסטע רעוואלוציע פון טעאטער-סעזאן אין לאדז וועט זיין דער אויפטריט פון דער בע־ליבטער פילם-קינסטלערין, ד פרעכטיגע נארא נעי, מיט איהר צוזאמען טרעטען אויף בעקאנטע ווא־רשעווער ארטיסטישע קרעפטען ווי קאלינאווא, האנוש באראנסקי און אנד.

ראדיא-פראגראם

מאנטאג, דעם 21 דעצעמבער

11.58 צייט-סיגנאל; 12,10 גראמאפאן-פליטען 4,20 לעקציע פראנצויזיש; 4,40 גראמאפאן-פליטען; 5.10 פארלעזונגען; 5,35 לייכטע מוזיק; 6.50 פער־שידענעס; 7,15 קאמוניקאט פון לאדזער האנדעלס קאמער; 7,30 רעפערטואר; 7 45 ראדיא-פרעסע, 8,00 פעליעטאן; 8.15 אפערעטקעס, 10,15 פאל־יעטאן; 10,30 קאמוניקאטען; 10,45 לייכטע און טאנץ-מוזיק.

DOKTOR H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענד.

בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

NORA NEY i KALINÓWNA HANUSZ i BOROŃSKI

— אין —

„COCTAIL" ul. Przejazd 34

פון דעם 25-טען דעצעמבער

קלאנג-קינא-טעאטער

APOLLO

הייַנט פרעמיערע! גרויסער דאפעלטער פראגראם!

1) „קוש פון פריהלינג"

2) „שפאנישע נעכט"

הייַנט פרעמיערע! מעכטיגע עראטישע דראמע פון 2 יוגענד-ליבע געליבטע אין די הויפטראלן:

Dorothy Jordan i Robert Montgomery.

פרעכטיגער פילם אויפ'ן גרונד פון וואונדער-שיינע שלעסער אין שפאניען אין די הויפטראלן:

Aleksander Davey, Eugenja Amanzi, M. Allan

אנהייב 4 א זייגער נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 בייטאג

הייַנטגעריסע פרעמיערע!

קלאנג - מייסטערווערק פון וועלט רוהם

לויט דער ערצעהלונג פון

IRENA NIEMIROWSKA א.ג.

אין די הויפט-ראלען: טיטאן פון בגרי טען פראנצויזישען עקראן

פאפולערע פרייזע פון די פלעצער.

„דוד גאלדער"

HARRY BAUER און די שיינע JACKIE MANNIER

רעזשי: E. DUVIVIER

ריהרענדע דראמע, וואס שילדערט די העכסטע אינטימע מענשליכע שוואכקייטען.

אויסער'ן פראגראם: לאנד-אקטואליטעטען.

דער זאל איז שטארק בעהייצט. אנהויב אין געוו. טעג 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג – 12.30 בייטאג.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף הילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאי און עס פאלט אריין אין דעם פוס און דער קראנקער איז איין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל נומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכנעט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מייגע בע-האנדלונג און פון דייטשן פראפעסאר

דאקטאר בראכוריכטונג בעזונדערע זיכער דעם שמערצען און לאזשערליכקייטען ברוך. אויך פאר הויקערס ליידנדע מיט הייך-נארישען און אפעראציע פאר פערקרימטע פיס און פלאטפוס ספעציעלע אפלאנען אין די שיך. הינקענדיגע גומענע פיס און הענט, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. ספעציעלע פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,

tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונ-בעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזי-טעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנעטש, פראפ. דר. י. מאן רישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אייך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן טרוסכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

זעט א סך יאהרען האב איך געליטען אויף א ברוך-קראנקהייט, וואס האט מיר דורך די טעהרערע שמערצען בעדראהט מיין לעבען.

הייַנט א דאנק דעם ה' דיר. י. ראפאפארט, איינציגסטער פון הייל-ארטאפעדישען אנשטאלט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10 (פראנט, פארטער) בין איך בעפרייט פון רופטור-לייַדען, צוליב דעם פיהל איך מיך מערפליכטעט אויסצודריקען עפענטליך מיין דאנקבארקייט.

(—) A. GUZE, Łódź, ul. Sw. Anny Nr. 26.

יעדער איינציגער

האט זיך אי-בערצייגט, אז פאר

מעבעל

דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען או"ו

צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן שענקעוויטש 23

טעלעפאן 191-00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

שדכן-ביורא „AMICUS"

וואס שטעהט אין פערבינדונג מיט אנגעזעהענסטע און אינטעליגענטע הייזער, פיהרט אויס מיט דעם בעסטען ערפאלג די שענסטע שדוכים. דיסקרעציע גאראנטירט. נעהמט אן טעגליך דאמען פון 4–6 און הערען פון 6–8 אוונט אין לאקאל פון ביורא

„AMICUS" קאנסטאנטינער 46

לינקע אפיצינע, ערשטער שטאק.

קליינע פאראטקעס!!!

וועלען צאהלען פון נייַ-יאהר אן בחורים וועלכע וועלען פירען האנדעלס-ביכער!

איך פיהר שוין פיל יאהר ביי אייניגע פירמעס האנדעלס-ביכער, וועלכע ווערען קאנטראלירט און שטענדיג פון סקארב אנערקענט! און די פיר-מעס צאהלען פאדאטקעס נאר לויט די ביכער-איבערדעם דארפען סוחרים, וועלכע ווילען פון נייַ-יאהר איינפיהרען ביכער זיך ווענדען צו מיר.

מיט אכטונג ג. גרינבוים

קאנסטאנטינער 46

לינקע אפיצינע 1-טער שטאק

Dr. med.

W. Eychner

אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „טשארי") טעל. 134-72

נעהמט אן פון $2^1/_2$ – 4 און פון 7 – 8 אוונט.

קלאנג-קינא-טעאטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

הייַנט און פאלגענדע טעג!

סאלאן-דראמע אונטער'ן טיטול:

„געשפענסט פון די סאלאנען"

אין די הויפט-ראלען די בעדייטענסטע שטערנס פון דער ענג-לישער סצענע און עקראן:

M.Angelus, Jack Rajner,Ewe Grey

אויסער'ן פראגראם: פילם-אקטואליטעטען.

נעכסטער פראגראם: „דאס הארץ אויף דער גאס"

דער זאל איז גוט בעהייצט.

אנהויב אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג 12 בייטאג.

Obwieszczenie.

Bank Spółdzielczy Okręgu Szajbiera

dla drobnych kupców i rzemieślników w Łodzi

Sp. z ogran. odp. wzywa wszystkich członków Banku na **OGÓLNE ZEBRANIE,** które odbędzie się **w niedzielę,** dnia 3 Stycznia 1932 r. o godz. 8-ej wiecz. w lokalu przy ul. Kilińskiego 120. Porządek dzienny:

1) **Wybory likwidatorów.** 7670

Przewodniczący i asesorzy.

מעבעל

א איבערראשונג פאר די אלע וואס ווילען קויפען מעבעל.

מיר בעזיצען אויף לאגער אלע ארט מעבעל פון די בעסטע אויפל. מאטעריאלען. די פרייזן זענען רעדוצירט מיט 50%

א קאמפלעטע שלאף-צימער צום פרייז פון 1050 זל.

„ „ שפייז-צימער „ „ 1250 „

„ „ קאבינעט „ „ 850 „

ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיקער, בילינער ווי איבעראל

קומט און איבערצייגט אייך!

„סטיל" נארוטאוויטשא 4 טעל. 190-26.

איז צו בע-קומען און

Dr. med. **REICHER**

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג

נעהמט אן פון 8–11 פריה און פון 5–8 אוונט.

זונטאג און יום-טובים פון 9—1 בייטאג.

Dr. med.

Haltrecht

ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקה.,

נעהמט אן פון 8–9.30 פריה פון 1–2 נאכמיטאג און פון 6 ביז 9 אוונט.

זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג.

פיעטריקאווער 10

טעל. 245-21.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

ENGLISH

פראנצויזיש און פאר-געשריטענע. קאנווערסא-ציע, ליטעראטור

צו צוגענגליכע פרייזען ערטיילט א פעהיגער פע-דאגאג. – אפערטען אין אדמיניסטר. פאר „Mir"

גענו. אסיסטענט פון די קליניקען פון אוניווערזיטעט אין בערלין

Dr. MED. STARKER

וועגערישע, הויט, האר און בלאז-קראנקהייטען

12 שרודמיעסקא 12

טעל. 126-87

נעהמט אן פון 9–11 און פון 4–8 אוונט.

זונטאג און יום-טוב פון 9 ביז 1 מיטאג.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

44 וויכטיג פאר מחותנים! 44

קויפט נישט קיין מעבעל בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט

Ch. ŁAZNIK

44 גדאנסקא (דלוגא) 44

טעל. 162-56

ביי מיר קענט איהר בעקומען פערש. מעבעל שעהן, גוט און ביליג.

בעם: כקויף אויך געניצטע מעבעל, דיוואנעס א. ז. וו.

44 קומט און איבערצייגט אייך! 44

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

עס איז נויטיג

3 ספעציאליזירטע ארבייטער צו עקספעדי-הויזען ווערען געזוכט פאלודניאווא 3 ביי ש. לעווקאוויטש.

7665

Panienka poszukuje posady w halach lub w sklepie za skromnem wynagrodzeniem. Wiadomość: Wolborska 36, na placu drzewa. 7663

פערשידענעס

צו די ה"ה גנבים! אזוי ווי מען האט ארויס-גענומען א קאסטען וויגאניע 19/12 קאנסטאנטי-נער גאס 28, בעטען מיר צוריקצוגעבען געגען א גרויסער בעלוינונג זגערזשער 6, בויד 52.

7664 דיסקרעציע גאראנטירט.

ביליג און גוט ווערט אנגענומען צו רעפע-רירען וועש, ווי אויך רעפארמעס, טריקא-וועש, סוועטערס אין פערשידענע ארבייטען אויף אבערלאק אויך ריכשערס ביי סוועטערס און שניעגאוועס. זאוואדזקא 6, וו. 15.

7662

עס ווערט געזוכט א קוואליפיצירטער

שטריקער-מייסטער

צו שליטען-מאשינען: גלאט „ש.ד." און זשאקארד. אפערטען אין אדמ. אונטער „שטריקער-מייסטער".

צו פערדינגען

3 שטיבען און קיך

מיט בעקוועהמליכקייט

פיעטריקאווער 10, וו. 14, רעכטער איינגאנג

Dr. A. SZMIRGELD

ספעציאליסט פון נערווען-קראנקהייטען

שפראכשטערונגען, (שטאמלען און אנדערע)

היילונג פון שוואך-ענטוויקעלטע און שווער-ערציהבארע קינדער

ul. SRODMIEJSKA Nr. 27

טעלעפאן 151-89 פון 5 ביז 7

„SANATO"

כירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט

אגראדאווא 10, טעל. 213-57

1-טע און 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד רייטלער-סוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט

אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאכאוו

כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאנטאר

Dr. med.

H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר הויט-, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43) טעל. 141-32

עמפאנגס-שטה'ן 8–10, 12–2 און 5–8, זונטאג און יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערע ווארטע-זאל.

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

11-טען ליסטאפאד 9

קאנסטאנטינער טעלעפאן 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערז שער 17 פון 10 — 11 און פון 2–3

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט צוטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד – 8 זל.

פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך

די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער ברייט 8 שפאלטען

אך טעקסט—40 „ . . . . . 60– „ 4 „

נאכ'ן טעקסט—12 „ . . . . . 18– „ 8 „

פאר א מילימעטער-שורה ... דער שפאלט 50 גראז. פעיערע. אויסל. 100 גראז. פעיערע. טעלדונגען—10 גר. א ווארט

Na Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 56.